STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04215

FUN HEYMISHN BRUNEM

Chaim Zeltzer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים זעלצער

פון היימישן ברונעם

חיים זעלצער

פון היימישן ברונעם

לידער און באַלאַדן

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ו — 1976

CHAIM ZELTZER
FUN HEIMISHN BRUNEM
POEMS
Publishing House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

חיים זעלצער
פון היימישן ברונעם
לידער און באַלאַדן

צייכענונגען — חיים זעלצער

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, איתמר בן־אבי 4

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1976 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, טלפון : 36564



די ערשטע צוויי יאָר אין לאַנד זענען פאַרבײַ ווי איין טאָג, כאָטש פאַר־גאַנגען ס'זענען זיבן הונדערט זונען און אויפגעלויכטן זיבן הונדערט מאָרגנשטערנס. ס'איז יעדער טאָג געווען אַ יאָר און אַיעדע נאַכט — אַ שטיקל אייביקייט.

אין די אויגן שווינדלט פון די גע־שעענישן, דער קאָפּ גייט כאַדאָראָם פון די מחשבות און איבערטראַכ־טענישן, די בילדער בײַטן זיך מיט דער שנעלקייט פון בליץ און ס'ווימלען פאַרן בליק די אײַלנדיקע וועגן...

די מדינה אין ווערן, דאָס פאָלק אין גערנאַגל. דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט מיט איר הײַנט און מאָרגן דרייען זיך אַרום אונדזער נײַעם בראשית אינעם איצטיקן תוהו ובוהו.

...און גאָט שוועבט אַרום איבער אונדזערע תהומען. אָט טיילט ער אָפּ ליכט פון דער פינצטערניש און אָט צעשיידט ער און שיידט אָפּ די ערד פונעם וואַסער...

איך שטיי שוין מיטביידע פיס אויפן פריש געבאָדענעם באָדן, ליכט און שאָטן שפּילן אין מײַנע אויגן, ווײ און שמייכל ראַנגלען זיך אין מײַן נשמה...

ח. ז.

עירובים
צעריסענע
הענגען
אין האַרצן
און ס'הוידען
די ווינטן
מיַין זיידנס
תּחום־שבת.

ווידערגעבורט

ווידערגעבורט

תּוהו ובוהו — געיעג און געוועט —
ווידערגעבורט אויף זאַמד און אויף שטיינער,
אונטער דער ערד אין פאַרשטאַרטן געוועב
וואַרטן אויף שופר-שאַל טרוקענע ביינער.

דרימלען סירענעס אויף ליידיקע זעק
ביז מען וועט אָנשיטן זאַמד און פאַרבינדן,
זאַמלען מוראַשקעס שטרויעלער שרעק
אונטער די הײַזער — פּאָר זקנים און קינדער.

וויגן און וועגן זייער גליק אויף דער וואָג
אָדם און חוה אויפן ווייכן געלעגער,
אונטערן בילד אַ פאַרזשאַווערטער טשוואָק
טראָגט אויף אַ שטריק די געפּערלעכע וועגן.

בלאָזן די ווינטן און רײַסן דעם שטריק —
וויגן זיך הימל און ערד אינעם רעמל,
הוידען זיך קין און הבל אין וויג,
אונטער דער וויג — דאָס געשאָכטענע לעמל...

תּוהו ובוהו, געיעג און געוועט,
ווידערגעבורט פון זינדיקע סדומען,
ווי דער געבורט פון אורערשטער וועלט —
גאָט שוועבט אַרום איבער אונדזערע תּהומען.

כ׳בין אַ בעל-חוב

איך האָב געצאָלט פאַרן לעבן
מיט בלוט און מיט טרערן,
גענערט די ערד פאַר אַ ביסן
מיטן מאַרך פון די ביינער.

און איך בין נאָך אַלץ אַ בעל-חוב —
די וועלט מיר שטעלט צו אַ צעטל:

זי מאָנט פאַר די שטריק
אויף וועלכע איך בין געהאָנגען,
פאַרן האָלץ און די שײַטערס —
זי האָט מיך געברענט און געבראָטן.
זי מאָנט פאַרן גראָז
וואָס איך האָב צעטראָטן
אויף וועגן צו גריבער...

פאַר אַלץ ווערט געמאָנט
און איך וועל אַוודאי באַצאָלן.
צי וועלן די אייניקלעך מײַנע
זיך קאָנען צעצאָלן?
צי אָנדינגען זאָל איך זיך באַלד —
ווידער אַ מאָל פאַר אַ יויזל?
וועלט!



דער מלאך איז אַלט

מײַן זון יצחקן — דעם צה״ל־זעלנער

די וועלט שטייט צו מיר מיט דער פּלייצע — ברוגז,
מײַן איציקל לאָזט זיך נישט קוילען — צי טויג עס?

סע איז דאָך אַ שפּאַס — זי זאָגט — אַ קאַטאָוועס,
אײַער פּורים־שפּיל איז עס, געירשנט פון אָבות.

— שטרעק אויס דאָס העלדזועלע, לאָז זיך באַדינען —
די גוייִשע וועלט האָט דײַן טובה אין זינען.

— וואָס עקשנסטו זיך? גאָט אַליין האָט געהייסן
און אויפשטיין וועט איציקל תּחית־המתים.

— און ווו איז אמונה — דער זײַל פון בטחון?
סע וואַכן מסתּמא אין הימלען מלאכים.

— אויך ער — דער באַשעפער פון שטערן און גראָזן —
ער וועט דיך אַוודאי אויך איצט נישט פאַרלאָזן.

— דער אַלטינקער מלאך וועט אויך נישט פאַרגעסן
און אָפּשטויסן וועט ער מײַן האַנט מיטן מעסער.

נאָר איציקל וויל מיך אַפילו נישט הערן:
— אומזיסט דײַנע רייד — ער זאָגט — אַן עבירה.

די וועלט איז ברוגז — איך קאָן גאָרנישט פועלן:
מײַן זון דער בן־יחיד לאָזט זיך נישט קוילען.

— דײַן מלאך קער דרימלען — ער זאָגט — ווער קאָן וויסן?
און הײַנטיקע צײַטן געשען נישט קיין נסים.

זאָל ליגן דער שטיין

אַלמאַכטיקער,
פאָטער
פון שׂרה אמנו,
פון הגר —
די מוטער
פון אונדזערע
שכנים.

גאָט,
טו באַלײַכטן
דאָס האַרץ
פון דער וועלט,
די גאַווה
פון גלית
טו מינערן
פאָטער.

זאָל ער נישט דראָען,
זאָל ער נישט שפּעטן —
אַמאָליקן אײַנבראָך
דערמאָן אים,
אל-צבאות...

זאָל ליגן דער שטיין
בײַם פאַסטעך
אין טאָרבע —
נישט פאַלן ער זאָל
אויפן קאָפּ
פון דער וועלט,
גאָט.

איך דריי נאָך דעם מילשטיין

איך דריי נאָך
דעם מילשטיין,
די פינצטערניש
מאָל איך —
אַמאָל
איז מײַן
איצטער
און פלשת —
מײַן שכן.

סע וואַקסן
די פּאַטלעס
און ס׳יווירט
די נקמה —
אין חשכות
געדיכטער
איך שטיף
אין בית-דגון
און פליסטער
די תּפילה:
זכרני,
חזקני —
תּמות נפשי
עם פלישתּים.

שאול פאַרפֿאָלגט דודן

און פּלישתּים זענען באַפֿאַלן דאָס לאַנד
האָט גאָט מיט זײַן האַנט זיי פֿאַרטריבן.

האָט שאול המלך מיט דרײַ טויזנט מאַן
געווענדט זײַנע טריט קיין עין-גדי.

געגאַן איז דאָס חיל אַ טאָג מיט אַ נאַכט
און שאול איז אויף סליאַדן געפֿאַלן —

דוד מיט זײַנע פֿאַרביטערטע קנעכט,
ערשט נעכטן דאָ האָבן געהוליעט —

אין מידבר צווישן די בערג נעבן קוואַל
זיי האָבן דערקוויקט זייערע הערצער.

— בן-ישי אַוועק איז פֿון דאַנען נישט ווײַט
מען וועט אים מיט גאָטס הילף דערייאָגן.

זאָל רוען די מחנה ביזן גרויען פֿאַרטאָג.
און שאול, פֿון גאָט דער געזאַלבטער,

אַרײַן איז צו נויט אין אַ פֿינצטערער הייל —
אַ מלך איז דאָך נישט קיין מלאך...

אַרויס איז דער מלך און שפּאַנט אויף צוריק
און גרינגער איז אים אויפֿן האַרצן.

און פּלוצים דערהערט ער — עמעצער רופֿט:
— אדוני המלך! — ס'איז דוד.

פאַר שאולן קניט ער: — אין מײַנע הענט
געווען איז דײַן קרוין און דײַן לעבן,

אויף דיר נישט פאַרהויבן האָב איך די שווערד,
פאָטער, מײַן האַר דער געזאַלבטער.

אַ סימן האָסטו — איך האָב דיך געשווינט,
געקוילעט איך האָב דײַן קאַפּאָטע.

אָט איז זי דײַן פאָלע אין מײַנע הענט —
דײַן בלוט האָב איך נישט פאַרגאָסן.

פאַר וואָס הערסטו צו צו די רייד פון אַ מענטש,
אַז דוד דײַן קנעכט וויל דיר שלעכטס טאָן?

און וועמען פאַרפאָלגסטו — אַ געפּגרטן הונט,
אַ פלוי — פאַר אַ מלך צי פּאַסט עס?

אָט האָסטו דײַן שמאַטע און ניי זי דיר צו
איידער עס הייבט אָן צו טאָגן.

אַצינד זאָל דער אייבערשטער משפּטן אונדז
און זאָל דער געזאַלבטער מיך שטראָפן...

און שאול המלך האָט זיך צעוויינט:
— פאַרגיב מיר מײַן שׂינאת-חינם — — —

און ס׳האָט זיך געוויין די פעלדזן געריירט —
ביז הײַנט גיסט מיט טרערן עין-גדי.

אתּה האיש

א

די זון פֿאַרגייט.
דער אָנגעגליטער טאָג
פֿאַרהאַלט זיך אויפֿן דאַך
דעם שטערן אָפּצוקילן,
דער אָוונט פֿאַלט אַראָפּ
און ווידער קוקט די נאַכט
מיט טונקל-בלויע אויגן
דורך מײַנע שוואַרצע ברילן.

אַ ליכט.
אַ קריגל ווײַן.
צוויי בעכערס אויפֿן טיש
און דאָס געשפּענסט
פֿון צוגערויבטער ליבע.
צוויי שאָטנס אויף די ווענט —
בן-ישי מיט דער קרוין
און קעגן איבער
אוריה דער גיבור.

— פֿאַר ברודערשאַפֿט!
— צו וואָס?
איך בין דײַן לעצטער קנעכט,
דײַן חסד און דײַן גבורה
איך באַוווּנדער.
צי דאַרף איך, צי איך מוז,
און אויב ס'איז דײַן באַשלוס —
נישט ברודערשאַפֿט —
פֿאַר ברידערשאַפֿט
איך טרינק מיט דיר,
מײַן ברודער — — —

ב

אין ווינקל שטייט אַ ביקס —
דײַן ברודער ווען דו שיקסט,
ער גייט פֿאַר דיר
אין וואַסער און אין פֿײַער.
פֿאַרטרויט ער דיר זײַן צעלט,
זײַן האָב-און-גוט,
זײַן שטאַם,
די ערד
וואָס איז אים בלוטיק טײַער.

(איך ווייס נישט ווער דו ביסט,
ווײַל קיינער איז נישט ער —
מיר זענען אַלע אינעם לאַנד
גילגולים.
אַ גילגול פֿון אַ ווינט
דעקט אויף אַן אַלטע זינד —
ער איז מגלה און מגלגל
גל — גאולה).

אתּה האיש-ש-ש, האיש —
סע שעפּטשען זיך דיביימער,
אתּה האיש-ש-ש, האיש —
סע סודען זיך די שטערן:
די פֿרוי איז שוואַנגער
און אַ צווילינג —
צוויי זכרים
וועט די פֿרוי געבערן.
אתּה האיש-ש-ש —
יתומים וועט זי כּאָוועז,
און קומען וועלן זיי צוגיין,
דער שופט און דער נביא.

כחול הים

א

סע ברענט דער הימל איבער מײַן לאַנד —
דער פֿײַנד האָט געקראָגן די אייבערהאַנט.

סע הילכט דאָס שלאַכטפעלד, ס׳פאַרגייט די זון,
שטייט אויף פֿונעם שלאָף יהושע בן נון.

ער הייבט אויף צום הימל די אַלטע הענט:
— גאָט, דו האָסט מיך אַוודאי דערקענט.

פֿאָטער אין הימל, דערהער מײַן קול
ווי דו האָסט פֿאַרנומען אין גבעון אַ מאָל.

פֿאַרלאָז נישט דײַן פֿאָלק, פֿאַרהיט פֿון שפּאָט,
ס׳דויערט די שלאַכט, דערבאַרעם זיך גאָט.

לערן מיך, פֿאָטער, שיק מיר דײַן וואָרט —
אָפּשטעלן זאָל איך די זון אויפֿן אָרט.

אַ ווינט אַ צעגליטער די באַקן צעבלאָזט,
צעשמעלצט ער דאָס זאַמד און פֿורעמט פֿון גלאָז

אַ ריזיקן זייגער פֿון הימל ביז ערד —
האָט אים דער אַלטער איבערגעקערט

אַרויף מיט די פֿיס, אַראָפּ מיטן קאָפּ —
געשעט — די פֿינצטערניש טראָגט זיך אָפּ.

ס׳שײַנט אויף דער ערד אַ לאַנגער טאָג —
דאָס פֿאָלק האָט געשלאָגן דעם פֿײַנד און שלאָגט.

ב

דאָס זאַמד פּליסט אין זייגער אַ יאָר נאָך אַ יאָר,
ברענגען די יאָרן אַ נייַעם דור.

ס׳קלינגט דאָס געפּעכט — ס׳פּאַרגייט די זון,
שטייט אויף פונעם שלאָף יהושע בן נון.

דערזעט ער — עס דויערט נאָך אַלץ די שלאַכט:
— גאָטעניו, העלף מיר פאַרטרייַבן די נאַכט!

פאַרלענגער דעם טאָג, שטעל אָפּ די זון —
עס בעט דיך דייַן קנעכט, יהושע בן נון.

דערזעט ער דעם זייגער פון הימל ביז ערד,
האָט ער אים ווידער איבערגעקערט —

געשטעלט אים צוריק פונעם קאָפּ אויף די פיס —
די צייַט אינעם גלעזערנעם זאַמדזייגער פליסט.

טרעט אָפּ די נאַכט, פאַרהאַלט זיך דער טאָג —
דאָס פאָלק האָט געשלאָגן דעם שונא און שלאָגט.

סע ברענט נאָך די שלאַכט, סע לויפט דער פייַנד,
די זון פאַרגייט נישט איבערן לאַנד.

שמייכלט דער אַלטער און לייגט זיך אַוועק
און ווערט אַנטשלאָפן אין זאַמד אויפן ברעג...

קומען די קינדער, צעשאַרן דאָס זאַמד
און לייגן אַ שטעמפּל — אַ קינדערישע האַנט.

די גאַס קומט אַהיים

די קינדער —
זיי ברענגען
אַרײַן
אין דער שטוב
די גאַס
פֿון דער גאַס:
איר שטויב
אויף די פֿיס,
אין אויגן
איר לאָף,
אין אויערן
דעם רעש,
אויף באַקן
די זון,
אין גומען
דעם דאָרשט,
אין לונגען
די לופֿט,
אין האַרצן
די שפּיל
און אַ פֿאַרביקן
חלום...

צו ביסלעך —
זיי טראָגן
אַרויס
אין דער גאַס:
דעם טאַטנס
אַ וואָרט,
דער מאַמעס
אַ סוד,

דעם שלאָס
פונעם בילד,
די זאַטקייט
און גלוסט,
און אייגענעם
איך
אין דער מיט
פון דער וועלט.
און ברענגען
אַהיים
פון צעלאָזענער
גאַס
אַ צעמזיקטן
חלום —
די קינדער.

באַלאַדע וועגן „מאַנגער-הויז"

הונדערט הונדערטיאַריקע דרימלען אינעם הויז,
אין דער נאַכט אויף עמעצן קוקן זיי אַרויס.

קומט אַריַין אַ שניַידער-יונג און די לופט צעשפּאַלט.
— שגץ — זאָגט אַן אַלטיטשקער — ביסט נישט אינעם וואַלד.

לאַכט דער שניַידער-יונג און זאָגט: — סאַראַ שיינע נאַכט —
און צעשיט ווי פּערעלער שטערן אויפן דאַך.

גאַפן הונדערטיאַריקע: — זע נאָר זע, או-וואַ!
זאָגט דער אורח: — קינדערלעך, פּתח שין מאַכט — שאַ!

שוויַיגן הונדערטיאַריקע, וויַיזט ער נאָך אַ קונץ —
ער כאַפּט אַרויס פון העלער הויט אַ שפּיגעלע אַ רונדס.

וואַקסט דאָס רונדע שפּיגעלע ווי אַ לבנה גרויס —
הונדערט הונדערטיאַריקע זיצן דאָרט אין הויז.

קוקן הונדערטיאַריקע אין דער טיף אַריַין —
זעען זיי אַ פענצטערל אין דער נאַכט צעשיַינט.

שטייט אַ פּיצל שטיבעלע אַ פּודעלע די גרייס,
זיצן דאָרטן קינדערלעך און לערנען אַלף-בית.

הערט מען זייערע קולעכלער: קמץ אַלף — אָ...
ווינטשט דער עולם: — קינדערלעך, אין אַ גוטער שעה!

זאָגט אַ הונדערטיאַריקער: — וואַרט אַ רגע, וואַרט,
זע נאָר זע, דער חלום היַינט האָט נישט אָפּגענאַרט.

דער ספר הזכּרון

און דרײַסיק מאָל פֿון האַנט צו האַנט
געגאַנגען איז דאָס בוך.
— דאָס בוך איז רויט — האָב איך געזאָגט.
און דרײַסיק שטימען:
— ווײַס.

האָב איך געפֿרעגט:
— דאָס גראָז איז גרין?
און דרײַסיק ענטפֿערס:
— גרין.

האָב איך געפֿרעגט:
— דער ים איז בלאָ?
און דרײַסיק ענטפֿערס:
— בלאָ.

האָב איך געפֿרעגט:
— דאָס בלוט איז רויט?
און דרײַסיק שטימען:
— רויט.

און נאָך אַ מאָל פֿון האַנט אין האַנט
געגאַנגען איז דאָס בוך
און פּלוצים האָבן מיר דערזען —
געוואָרן איז עס
רויט.

ווי אַן אָקס אַ געקוילעטן

מיר וועלן צעטיילן דעם איצטער
ווי אַן אָקס אַ געקוילעטן —
צעטרייבערן,
אין יאַטקעס פון גאָרער וועלט
אויף אונדזערע שטרײַקנדיקע
לאַסט-לוסט,
גלוסט-לופט,
ים-טאַראַראַם-שיפן צעפירן.

און ס׳וועלן געטרײַע משרתים
שלעפן די קונים פאַר פּאָלעס:
— קומט, קויפט,
פאַרזוכט און געניסט
פונעם שור הבר,
ווײַל מירן שוין נישט דערלעבן
משיחן.

און מאָנען מיר וועלן געשוואָלענע
פּרײַזן —
מיר זאָלן חלילה נישט לײַדן קיין
היזק,
דאָס עסק זאָל לוינען און אָנזאַמלען
ממון —
ירושה פאַר אונדזערע קינדער
און אייניקלעך,
וואָס שטייען
אין רייען
צו צוויי
בראש מיט יאַנוש קאָרטשאַק.

ווען זעלנער וואַכן

איך באַטראַכט מײַן לײַב און לעבן —
ס'לעצטע העמדל וועל איך אויסטאָן,
נאַקעט ווי אַ בוים אין אָסיען —
איך באַוויין נישט מײַנע בלעטער.

ס'בליצט, סע דונערט און סע רעגנט;
האַרבסט איז צו דער צײַט געקומען,
נישט פאַרשפּעטיקן וועט ווענע —
ווידער וועט מײַן העמדל בליִען.

ס'איז נישט שפּעט, נאָר אויך נישט פרי —
שפּעטער צו וועט זײַן נאָך שפּעטער,
ווען קיין שפּעטער וועט נישט שפּעטן —
ס'לעצטע העמד כ'טו אויס פון זיך.

נאַקעט ווי דער בוים אין האַרבסט —
האַפּט און זאַפּט וועל איך צעשענקען.
אויף מײַן לײַב וואָס אָנטאָן וועל איך,
אויב כ'וועל נישט דערלעבן ווענע?

*

מײַן זון האָט געבראַכט דעם ריח פון כאַקי,
אַנדערע וואַכן אַצינד אויף דער גרענעץ —
מײַן זון איז געקומען אויף יום טוב,
כ'בין אומעטיק ערב יום טוב.

*

דער טאָג פון געבוירן
הויכט אויס די נשמה —
די זון איז נאָך אַ מאָל אונטערגעגאַנגען.

אין טאָג פון פּטירה
ווערט מען געבוירן —
מײַן זון וועט ציילן די יאָרצײַטן מײַנע.

אַ שוואַרצע קאַץ
איז אַדורכגעלאָפן —
די אייביקייט האָט זיך נישט איבערגעשראָקן.

*

נישט איטלעכער,
ווער ס׳האָט אַ קוילעטש געפלאָכטן,
נישט איטלעכער,
וועמען ס׳איז טײַער זײַן נאָמען,
וועט אים בײַם לעבן צעפלעכטן —
דעם קוילעטש,
וועט אים צום קבר דערטראָגן —
דעם נאָמען.
באַהיט גאָט פון עין-הרע,
באַהיט גאָט פון לשון-הרע.

רבונו-של-עולם,
בענטש מײַנע פרײַנד —
באַגליק זייער הײַנט
און מיר שענק דעם מאָרגן —
מײַן ליד איך שיק אויפן וואַסער.

אַ גוטע נאַכט

קוק איך אין דער פרי אין פענצטער —
כ׳זע אַ גרינע וועלט.
איך פאַרקאַטשע גרינע אַרבל,
כ׳נעם אַרויס די גרינע פאַרבן —
טונקל-גרין און העל.
פאַרב איך אויס מיט גרין דעם הימל
און דאָס וואַסער — גרין.
גרין די קינדער און די הײַזער,
גרין דער העלפאַנט און דאָס מײַזל,
גראָז — אַוודאי גרין.

קוק איך מיר בײַ טאָג אין פענצטער —
כ׳זע אַ בלאָע וועלט.
איך פאַרקאַטשע בלאָע אַרבל,
כ׳נעם צונויף די בלאָע פאַרבן —
טונקל-בלאָ און העל.
פאַרב איך אויס מיט בלאָ די פעלדער
און דער בויס איז בלאָ.
בלאָ — דער רעגן און די וועגן,
בלאָ די ווינטן און די פייגל,
ים — אַוודאי בלאָ.

קוק איך מיר פאַר נאַכט אין פענצטער —
כ׳זע אַ רויטע וועלט.
איך פאַרקאַטשע רויטע אַרבל,
איך צעלייג די רויטע פאַרבן —
טונקל-רויט און העל.
פאַרב איך רויט די ווײַסע שנייען
און די קראָ איז רויט.

רויטער וואַלד און רויטע בערן,
רויטע מענטשן — רויטע טרערן,
בלוט — אַוודאי רויט.

קוקט אַרײַן די נאַכט אין פענצטער —
האָב איך עס פאַרמאַכט.
כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די אַרבל
און באַהאַלטן אַלע פאַרבן —
פינצטער איז די נאַכט.
כ'וויל נישט פאַרבן שוואַרץ דעם חלום,
זעלנער אויף דער וואַך.
נישט די בלומען, נישט די שטיינער,
נישט דעם הימל און די שטערן —
כ'זאָג: אַ גוטע נאַכט!

אין זילבערנער
שקיעה
איך שלעפּ זיך
אַ מידער
פון לאַנגן
פאַרפּלאָנטערטן
וועג —
צוריק
צו זיך אַליין.

גרויער באַגינען



מאָל איך אַ לייטער

איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ פונעם גרוב,
כ׳קוק זיך אַרום — איינער אַליין.

איך כּפל די עלנט אויף זיבן און צוועלף,
אויף הונדערט און טויזנט,
אויף שטעטלעך און שטעט —

אין וויסטעניש שטומער איינער אַליין,
אין גלעזערנער חשכות — איינער אַליין.

רײַס איך די בלינדע ווײַסקייט אַראָפּ,
לאָז איך אַרײַן אינעם חשכות אַ שטראַל.

כ׳צי אָן די שײַן אויף אַ ריזיקער ראָם,
מאָל איך אַ לייטער צו גאָט און צו היים.

שפּאַרט אָן דער לייטער אין הימלשן בלוי,
שטייט אויפן לייטער אַ מאַליער און פאַרבט.

פאַרבט ער די כמאַרעס — צעשויבערטע פערד,
צעפּאָכעט אַ בויגן — מײַן חלום ער פאַרבט.

בענטש איך דעם הימל איבער מײַן קאָפּ,
בענטש איך די שטיינער אונטער מײַן לענד.

באַלאַדע וועגן מאַליער

א

שטייט דער מאַליער אויפֿן לייטער,
פּאָכעט מיט דער באַרשט דער ברייטער.

טונקט ער איַין די באַרשט אין עמער
גייט די אַרבעט ווי אַ זמר.

ער שמירט אַהער און שמירט אַהין
און ער טראַכט: דער בוים איז גרין.

ער שמירט אַהין און שמירט אַהער:
אינעם הימל שווימט אַ בער.

אויף אַ פּאָדעם דינער-דין
הוידעט זיך אַ שוואַרצע שפּין.

שטייט אין מיטן מאַרק אַ תּליה
און דער תּלין איז מודיע:

— אויפֿן בוידעם ברענט די שלאַכט
צווישן טאָג און צווישן נאַכט!

פּלוצים עפֿנט זיך די סטעליע,
זאָגט דער מאַליער: — אָמן סלה!

ביזן הימל הילכט אַ מאַרש —
פֿליט דער מאַליער מיט דער באַרשט.

איז דער מאַליער שוין אַ מלאך,
קאַלכט ער דעם לבֿנה-קיַילעך.

ב

ווינקט צו אים אַ רויטער שטערן —
זאָל עס הייסן: „פאַרב מיך איבער,
כ'האָב געשייַנט אין רויטן הימל
האָט מען מיך אין גרוב פאַרטריבן".

ווינקט צו אים אַ געלער שטערן —
מיינט עס אפשר: „פאַרב מיך איבער,
איך בין שוין געווען אַ טויטער
און אַנטלאָפן פון די גריבער".

וויל ער ענדיקן די אַרבעט,
זאָגט דער מאַליער: שטערט נישט, שטערן.
כ'וועל זיך אויסלעבן די יאָרן
וועל איך אויך אַ שטערן ווערן.

אַלע פאַרבן זענען הייליק —
אייניק ווי דער רעגן-בויגן,
אַלע טרערן זענען הייליק
ווי די פאַרבן אין די אויגן...

די לבנה איז אַנטרונען —
נישט פאַרענדיקט איז די אַרבעט,
פונעם מאַליערס פוסטע אויגן
אויסגערונען אַלע פאַרבן.

דרימלען חלומות

דרימלען חלומות אין וואַכן זכּרון,
אין פֿאָקוס פֿון יאָרן ממשות און שפּיל —
קוקט פֿונעם פֿענצטער אַרויס אַ מאַנסאַרדע,
זיצט פֿאַרן מאָלברעט דער מאָלער און מאָלט.

הערט ער אַ בת-קול קומט פֿונעם שפּיגל —
מאָלט ער אַ מאַסקע זאָל פּאַסן צום קול.
שמייכלט דער פּרצוף און קרימט זיך אַפֿילו —
עמעצנס ווערטער, מײַנער דער גרים.

ליפּן באַוועגן זיך — כ׳הער נישט די ווערטער,
גלײַך אין פּאַרצײַטיקן שטומען קינאָ.
כ׳שיק מײַנע לידער די קעל צו באַקלאַנגען —
עמעצנס לעפּצן, מײַנער דער קול.

וויינען און לאַכן די מאַסקעס אין שפּיגל —
עמעצנס שמייכל, מײַנער — דער וויי...

גרויער באַגינען

א

דעם נעכטן איך מאָל ווי ער איז —
אַ פּענדזל איך טונק אײַן אין נאַכט,
און מאָלן דעם מאָרגן איך וויל —
פאַרטראַכט זיך די פאַרב אין מײַן בליק,
און פּלוצים דערשײַנט אויפן בילד
דער וועג וואָס צו גריבער געפירט
אין גרויען באַגינען.

ב

פאַרשווונדן די טיף פון דער הייך,
קיין נאָענט נישטאָ, נישט קיין ווײַט,
דער שטראַל אין צעצונדענעם קנויל
ליגט ערגעץ פון יענער זײַט בילד —
סע פּליסט אַ פאַרבלוטיקטער שטעג
אויף שימערדיק-מילכיקן ראַנד
פון גרויען באַגינען.

ג

דער מאָרגנטוי פאַלט אויף דער ערד,
אין חורבות באַהאַלט זיך די נאַכט —
נישטאָ איז דער קרײַז פונעם פּלאַץ,
די לענג פון אַנטלאָפּענער גאַס —
אין שטילקייט פאַרשטיינערטער שטום
מײַן פּענדזל גייט אָפּ אינעם בלוט
אין גרויען באַגינען.

באַלאַדע וועגן דעם פאַרשפּילטן

פיר בלייכע וואַלעטן
אַרום גרינעם טיש —
מען הייבט אָן נאָך מעריב,
מען דאַוונט ביז שחרית
מיט רויטס,
מיט פּיק,
מיט לעקער
און צלם — דער קאָזער.

האָט איינער פאַרשפּילט
די פולע לבנה,
שטעלט ער אין קאָן
אַ זילבערנעם וואַלקן
און שפּילט
מיט רויטס,
מיט פּיק,
מיט צלם —
און לעקער — דער קאָזער.

דער צווייטער פאַרשפּילט
אַ זשמעניע שטערן,
שטעלט ער אין קאָן
דעם מילכוועג אין הימל
און שפּילט
מיט רויטס,
מיט צלם,
מיט לעקער
און פּיק איז דער קאָזער.

דער דריטער פֿאַרשפּילט
די טעג פֿון זײַן זייגער,
שטעלט ער אין קאָן
די גילדענע יאָרן
און שפּילט
מיט לעקער,
מיט פּיק,
מיט צלם
און רויטס איז דער קאָזער.

דער לעצטער ווישט אָפּ
דאָס בלוט פֿון זײַן מעסער
און וואַרפֿט אויף דער ווּנד
אַלע פֿיר טײַז —
מיט לעקער,
מיט פּיק,
מיט צלם,
מיט רויטס — אַלע פֿיר טײַז.

דרײַ בלייכע וואַלעטן
באַגלייטן דעם אָוונט
און טראָגן אין האַרצן
איעדער זײַן דאַמע
מיט פּיק,
מיט לעקער,
מיט צלם,
און רויטס בלאַנקט אינעם הימל.

באַלאַדע וועגן ריטער פון לידערלאַנד

„עפן זיך טויער,
נענטער זיך שוועל...״
ה. לייוויק

זילבערנע וואָלקנס, פאַרכמאַרעטע קעפ —
ריטער פון לידערלאַנד רײַטן.
שטראַלן ווי שפּיזן אין שקיעה געפּעכט
פינקלען אין זילבערנעם שײַטער.

אָנגעשפּיצט אויערן אויף וועלן פון וויי,
ייִדיש-פאַרצויבערטע היטער.
ס׳רײַטן אויף אומרו צו אייביקער רו
זיבן און זיבעציק ריטער.

פּראָסטיקער ציטער פון שטערן אויף שניי,
ווײַסער פאַרשוויגענער גליווער —
סטעפּעס סיבירער אין שימער פון שײַן,
שרײַיִקע שטילקייט פון שבעה. — — —

זיבן פאַרנייגטע, פאַראַשיקטע קעפּ
וואַרגן דעם צער אין שתיקה —
זיבן און זיבעציק ריטער פון וואָרט
זינגען דאָס ליד פון צוריקקער:

„עפן זיך טויער, נענטער זיך שוועל״...
טרייסט נישט די ייִדיש-אבלים.
ריטער פון לידערלאַנד גייען אַוועק —
ווער וועט די יאָרצײַטן ציילן?

באַלאַדע װעגן הונט

פֿאַר טויזנט געהאַנגענע הודעט דער װינט —
לויפֿט אויף דער װעלט אַ משוגענער הונט.
די בלאַסע לבֿנה האָט ער צעביסן
און איבערגעלאָזט נאָר אַ מאָגערן ביסן,
איז פֿינצטער געװאָרן דער װעלט אין די אויגן.

פֿאַר טויזנט געהאַנגענע הודעט דער װינט.

אַ ייִד גייט אַרויס פֿונעם הויז אין דער שעה,
זעט ער, דאָס רונדע געזיכט איז נישטאָ —
עמעצער האָט די לבֿנה צעביסן
און איבערגעלאָזט נאָר אַ מאָגערן ביסן,
איז פֿינצטער געװאָרן דער װעלט אין די אויגן.

אַ ייִד גייט אַרויס פֿונעם הויז אין דער שעה.

זוכט ער — געפֿינט נישט דעם װעג אויף צוריק,
בלאָנדזשעט די נאַכט אין פֿאַרלאָשענעם בליק,
װייַל עמעצער האָט די לבֿנה צעביסן
און איבערגעלאָזט נאָר אַ מאָגערן ביסן —
איז פֿינצטער געװאָרן דער װעלט אין די אויגן.

זוכט ער — געפֿינט נישט דעם װעג אויף צוריק.

קריכט ער אַרייַן דורכן פֿענצטער אין הויז,
אַ זילבערנע קערה טראָגט ער אַרויס
און שענקט דער לבֿנה װאָס איז צעביסן —
איז איבערגעבליבן אַ מאָגערער ביסן,
און פֿינצטער געװאָרן דער װעלט אין די אויגן.

קריכט ער אַרייַן דורכן פֿענצטער אין הויז...

פליט די קערה — צוויי וואָכן זי פליט,
דרייַ מאָל אַ טאָג לייענט קריאת-שמע דער ייִד,
דעם בורא אויף שלמות ער בעט מיט כּוונה —
דערזען און דערלעבן די פולע לבנה,
ליכטיק זאָל ווערן דער וועלט אין די אויגן.

פליט די קערה — צוויי וואָכן זי פליט.

די שטילקייט אויף שטראַלן אויף זילבערנע שפּילט,
דער הונט דער משוגענער וואָיעט און בילט
אַנטקעגן דער לבנה וואָס ער האָט צעביסן
און איבערגעלאָזט נאָר אַ מאָגערן ביסן —
ער גלייבט נישט די אייגענע אויגן.

די שטילקייט אויף שטראַלן אויף זילבערנע שפּילט.

באַלאַדע וועגן טלית און שיר המעלות

„בשוב ה' את שיבת ציון"

האָט משה דערזען — דער סנה האָט געברענט — — —
און סנה האָט געהייסן משה:
„פאַראייניקט איַיך, אַלע קנעכט פון דער וועלט!
צעשמעטערט די תּפיסות פון גושן!" — — —

די שבטים פון קנעכטשאַפט האָט משה באַפרײַט,
פון סיני געבראַכט זיי די תּורה,
געפירט דורכן מידבר צום הייליקן לאַנד —
פאַרמאַכט גאָט פאַר אים דעם לאַנדס טויערן.

איז משה אַרויף אויפן באַרג נבו —
קיין מענטש ווייסט נישט ווּ איז זײַן קבר,
און משהס קבר אין לאַנד איז באַוווּסט,
נאָר זאָגן זאָגט משה דער לוי:

— פערציק יאָר האָט געבלאַנדזשעט מײַן דור,
ווײַל גאָטס נאָמען האָט ער געלעסטערט,
אַפילו מיך האָט דער בורא באַשטראָפט —
דאָס לאַנד האָבן באַטראָטן די בעסטע.

איצט האָבן די זכיה צו קומען אין לאַנד
סײַ גאַנצע, סײַ האַלבע ייִדן.
נו, וועט מען שטיקעווען — מאַכן פון זיי
אַנדערטהאַלבנדיקע ייִדן — — —

זאָגט משה: — די פרעמד האָט פאַרסמט אונדזער בלוט —
אומעטום זענען מיר פרעמדע —
אַפילו בײַ זיך, אין אייגענעם לאַנד
טראָגן מיר גויִשע העמדער.

האָט משה אים איבערגעשלאָגן די רייד:
— אַלע זענט איר חכמים;
איר אָטעמט, איר לעבט מיטן קאָפּ אין דר׳ערד,
פון יענער וועלט לייַכט אייַער נשמה.

שווייַגט משה, נאָר ס׳רעדט אויפן קבר דער שטיין:
— ס׳לויערט אויף אונדז אַ סכּנה.
מיר האָבן געבלאָנדזשעט און בלאָנדזשען נאָך הייַנט
און זעלבסטמאָרד מיר שרייַבן אויף פּאָנען.

איך האָב אייַך געפירט, איך האָב אייַך פאַרפירט.
הערט, קעמפער פאַר פרייַהייט און יושר,
פאַראייניקט אייַך אַלע אין הייליקן לאַנד,
באַפרייַט אייַך פון קנעכטישן גושן!

איך רוף ממעמקים, פון גריבער צו אייַך,
אין קבר איך זאָג שיר המעלות,
ווייַל אויסגעטאָן האָב איך דאָס גוייִשע העמד
און אייַנגעהילט ליג איך אין טלית.

צעריסן געמיט

איך האָב נישט געדאַוונט זינט יאָרן און יאָרן —
האָב איך פאַרלאָרן מײַן אייגענעם שאָטן,
ווײַל אָפּגעטאָן האָט זיך פון מיר דײַן ליכט,
פאָטער אין הימל.

מײַן זעל האָט געבלאָנקעט צווישן אמת און עמעס,
די צונג האָט געביטן דאָס לשון ווי קליידער,
דאָס גילדענע ציגעלע האָב איך פאַרביטן
אויף ביליקע פאַרבן.

און אויסגעטראַכט האָב איך דעם אייביקן טאָג —
באַשטערנטע הייכן מיט לײַוונט פאַרצויגן
און אויסגעמאָלט האָב איך אַ בלעכענעם הימל
אָן זון-אונטערגאַנגען.

און צוגעקלערט האָב איך די אייביקע נאַכט —
פאַרלאָשן די זון מיט אַ שמיר פונעם פענדזל,
פאַרשלייערט די חוהס פון מײַנע חלומות
אין שוואַרצע תכריכים.

פון יענער זײַט בילד האָט געבליט דער באַגינען,
נאָר איך האָב געמאָלן בין-השמשותן גרויע,
ווײַל אָפּגעטאָן האָט זיך פון מיר דײַן ליכט,
פאָטער אין הימל.

מאָל איך אַ שאָטן

מאָל איך אַ שאָטן — וואַקסט אויס אַ בוים,
וויגן זיך ווידער די צווײַגן ווי פליגל.
צייל איך ביז זיבן — בליט שוין די קרוין,
קוקן און שטוינען די פייגל די היגע.

קומען פאַרוואָגלטע פייגל אַהיים,
שטעלן אויף ווידער די הרובע נעסטן,
פייגלשע ליבע זיצן זיי אויס —
עופעלעך וועלן זיי כאָוועןן און פיעשטשען.

לויפט אָן אַ ווינטל און שאָקלט די קרוין,
בלעטער דערציילן אַמאָליקע נסים,
האָרכן די גרעזעלעך אונטערן בוים,
האָרכט די פאַרנאַכטיקע שטילקייט צופיסנס.

פאַלט צו דער אָוונט און קושט אויס די ערד,
שלאָפן די נעסטן און פייגל אויף צווײַגן,
קומען צו חלום אין וואַרעמער נאַכט
זילבערנע פייגל אין גילדענע שטײַגן.

שווימט די לבנה פונעם הימל אַוועק,
לעשן זיך קעצענע פײַערלעך גרינע.
זינג איך בציבור מיט פייגל און בעט:
— גאָט, טו דעם שאָטן פון מיר נישט אַנטרינען.

מאָל איך אַ ביימעלע

ה. ש.

אונטערן פענצטער מאָל איך אַ ביימעלע —
וואַקסן דאָס ביימעלע זאָל אין דער הייך,
וואַקסן דאָס פענצטער וועט אין דער ווייַט.

*

איך קוק אין מייַן פענצטער
זע איך דעם פּלויט —
דעם אייַזערנעם פּלויט.

איך קוק אין מייַן פענצטער
זע איך די גאַס,
מייַן שטילינקע גאַס.

איך קוק אין מייַן פענצטער
זע איך די שטאָט —
די שטיינערנע שטאָט.

איך קוק אין מייַן פענצטער
זע איך דאָס לאַנד —
מייַן פּיצעלע לאַנד...

פאַרשטייי איך, מייַן פענצטער
איז אונטערגעוואַקסן —
ס׳קוקט העט אין דער ווייַט.

דאָס אייזעלע טראַכט

— אַלטע זאַכן! — שרײַט פעטער ישמעאל.
זײַן אייזעלע שטייט און טראַכט וועגן גילגול
פון דער ייִדישער שיינער פרנסה...

צוויי נאַקעטע בעטן אין זינדיקן דרויסן
גלײַכן זיך אויס די אײַזערנע ביינער —
ווי ווײַט איז פון דאַנען ביז סדום?

דאָס מיסט וואָס מיר טראָגן אַרויס ערב יום-טוב
פאַרקויפן די גויִם אויף זייערע יאַרידן —
אַ מעסער איך האַלט אין דער האַנט.

כ׳צעשנײַד אויף דער העלפט אַ זאַפטיקן עפּל —
דער עץ-הדעת איז הײַ-יאָר געראָטן — — — —
— אַלטע זאַ-אַכן!

*

שטייט אין שולהויף אַ בוים אײַנגעבויגן,
תּפילת-הדרך ער זאָגט מיט די פייגל
און ווינטשט אַ חתימה טובה.

אונטערן בוים שטייט מײַן קינדערישער שׂכל
און טראַכט ווי אומגליקלעך זענען די ביימער,
ווײַל זיי שלאָגן נישט קיין כּפּרות.

*

דער האָן האָט געקרייט.
וויפל גרויליקע חשבות אין גרילע און געדריי
פונעם בלעכענעם האָן אויפן דאַך?

דער האָן האָט געקרייט.
וויפל ליכט און בטחון אין בלויען געקריי
פון קאַיאָריקן האָן אויפן פלויט?

איז איצטער פרימאָרגן צי נאַכט
אין דײַן ליד?

*

זיבעצן מאָל האָט געקרייט דער האָן
און ציילנדיק בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן —
פאַרשלאָפן די ערשטע שטראַלן.

*

אַ ווײַסע טויב מיטן צווײַגל אין שנאָבל
זיצט אויפן אַקסל פון מײַנע מחשבות —
ווען נעמט שוין אַ סוף צום מבול?

*

הימל און וואַסער, וואַסער און הימל —
מעוועס כוואַליען זיך איבער די כוואַליעס
און זוכן דעם מי־במים.

*

אַ שוואַרצע קראָ אויפן רויטן קוימען —
נישטאָ איז דער דאַך, אַנטרונען דער פויגל.
אַ שיף שווימט אַרויס פונעם הימל.

*

אײַלן אַהער־צו צעשטורעמטע ווײַטן
און לעשן זיך אויס אויף זאַמדיקע ברעגן
צופּיסנס פון פעלדזן און פאַלמעס.

דאָ איז געווען אַמאָל דער גן-עדן —
עץ-הדעת-ווילדער זיך זענען צעוואַקסן,
כּמו נאַקעטע אָדמס און חוהס שפּאַצירן.

בלאָע געדאַנקען אין אַלעמענס אויגן,
בלאָע גערוישן אין הערצער און אויערן —
דײַן וועלט, גאָט, איז ייִנגער געוואָרן.

זאַמד פונעם ברעג איך נעם אָן אַ זשמעניע,
די וואַרעמע צײַט כ׳זיפּ דורך די פינגער —
ווי גיך איז מײַן לעבן צערונען?

*

ס׳איז אויסגעגאַנגען דער בלויער נר-תּמיד,
דער מיזרח אין מערב איז אונטערגעגאַנגען.
כּורעים.

מיליאָנען נשמות-ליכט ברענען אין טאָלן
און לויכטן-באַלײַכטן אונדזערע וועגן.
יזכּור.

טרוקן דער גומען אין גאָלגל פון ברונעם,
ער זוכט אינעם הימל דרײַ שטערן פרומע —
נעילה.

רשימת

הרוגי הפוגרום הקישינובי בימי כ"ב-כ"ג ניסן בשנת ה' אלפים תרס"ג
(6-7 אפריל שנת 1903 למספרם.)

זכרים

יחיאל זלצר
משה מחלין
יהושע ברלדסקי
קאפל קיינרסקי
יעקב טוגיק
אברהם כהן
ישראל אולמר
מרדכי מינדיוק
ישראל סלשטיאן
בנימין ברגוביץ
זוסיא פרזשי
בן ציון גלנטר
חיים ליב גולדייס
דוד הצקילביץ
שמחה בוליער
אשר ליס
יהודה קרופניק
יצחק קרופניק
דוד דריבמן
מרדכי גרינשפון
יצחק דוד בליצקה

יוסף קנטור
צבי בולגר
חיים שלום ניסנזון
שמואל אורמן
אברהם יצחק וינשטיין
משה צבי קוגל
אהרן בריבמן
יצחק רוזנפלד
יוסף צבי גרינברג
דוד חריטון
קלמן בולוביץ
שמואל לשקוב (ילד משנה)
שמעון פישמן (ילד משנה)

נקבות

קיילה קווה
רייזה קצף
חי' שרה פרזשי
עטיל ברגר
פייגע ספינק
חי' לאה קיגלמן
פייגה בוליער (בת שתים עשרה)

מלבד ההרוגים האלה מתו אחרי זה בבית החולים עוד שמונה מפצעי הפוגרום. ויהי מספר החללים שנפלו בפוגרום הקישינובי ארבעים ותשעה 49.

מספר הנפצעים בפוגרום היה ארבע מאות ותשעים וחמשה,

מהם נפצעו פצעים קשים תשעים וחמשה איש.

מײַן ברונעם
מיט היימיש
מחיהדיק
וואַסער,
קום,
לאָמיר גייען
צעפּלאָנטערן
וועגן
און ברענגען
דעם וואָגל
אַהיים.

אויף דער גרענעץ



דאָ איז די ערד

מיר זענען געשוווּמען צו היימישע ברעגעס —
דער וואָגל אויף פליגל פאַרפאָלגט אונדזער שיף,
אין שנאָבל ער טראָגט דעם פאַרבלוטיקטן פּנקס
מיט שוואַרצע סך-הכּלען אויף ווײַסן געשריי.

מיר זענען אַנטלאָפן פון גרויליקע גריבער —
געקומען סע זענען די גריבער מיט אונדז.
מיר גייען, מיר לויפן, מיר יאָגן — מיר טראָגן
אַמאָליקע גריבער אין בלוט, אין דער ברוסט.

מיר ווילן פאַרשיטן אין הערצער די גריבער —
נישטאָ איז קיין ערד פאַר אונדז אויף דער ערד.

דער סערף שווימט אין הימל

די אסירי ציון געווידמעט

דער סערפּ שווימט אין הימל און ס'וואָגלט דער האַמער,
אויף רעלסן פּאַרקלאַפּט ער געוויין און געיאָמער...
צום וויפלסטן מאָל
קומסטו נאָך אַ מאָל
ווידער פון מיר אומברחמנותדיק נעמען נקמה?

טאַטע, ווי מאָדנע סע זעט אויס דײַן הולך —
און וואָס זאָל באַטײַטן דער גרים פון אַ קלאָון?
אָט ווײַזטו גאָר קונצן —
דו שלינגסט האַלאָוועשקעס
און שלעפּסט פונעם בוזעם אַרויס שוואַרצע קראָען.

זיי נידערן אויף מתים און קלײַבן שוין איבער —
דער ביסן זאָל שמעקן געבראָטן, פאַרפּרעגלט.
סע כּישופן די פייגל — זיי פאָכען מיט פליגלען,
פאַרבײַטן די יוצרות,
פאַרפּלאָנטערן די וועגן:

דײַן אָפּגעהאַקט לעבן,
מײַן חרובע יוגנט —
אין צוג צו דער גרענעץ מיר פאָרן צוזאַמען...
ועט שווימען דער סערפּ אין פאַראומערטן הימל
און וואָגלען אויף רעלסן דער קלאַפּ פונעם האַמער?

*

אויף מילכוועגן ווײַטע
מיט שטערן געפלאַסטערטע,
אויף שטיינערנע וועגן

מיט פענער צעפלאַטערטע
מיר האָבן די יאָרן אויף רגעס צעביטן.

בלוטיקט דער הימל אין שטילע פאַרנאַכטן,
שטייען צוקאָפּנס
יאָרן פאַרווײנטע
און צינדן אָן שטערן
אויף טרויעריקע וועגן.

*

אונטער אַ שטיין
ליגט מײַן קינדערישער חלום,
אונטער אַ צווייטן —
צעשויבערטע יוגנט,
אונטער אַ דריטן —
דער יאָדער פון יאָרן...
איך גיי און איך טאַסקע
פאַרוויאַנעטע קווייטן.

כ׳זוך אפשר אומזיסט
דעם צאַם פון מײַן יוגנט,
צי וועל איך געפינען
די מיטעלע יאָרן?
איך האָב זיי באַערדיקט
אויף היימלאָזע וועגן.
צי האָט ווער געזען
אַ ציגײַנערישן צווינטער?

זאָגט מײַן טאָכטער חנה-מלכּה

„דו פאַרסט אַוועק, דו לאָזט מיך איבער
אין שטיינערנעם אַרום —
נישט לייגן וועסטו מיר צוקאָפּנס
דעם אומעט פון אַ בלום.
פאַר וועמען וועל איך זיך באַקלאָגן
ווען ערד פאַרגייט אין בלי?
כ׳פאַרבלײַב אויף אייביק דאָ אַ היגע,
און דו — אין ווײַטער הי.
און ווען סע וועט דער זומער קומען
כ׳וועל ליגן אין דער קיל,
אויף מײַן געלעגער וועט נישט שטיפן
אַ העזל פון דײַן בריל.
און ווען די ווינטן וועלן בלאָזן
אין רעגנדיקן האַרבסט
פאַרבלאָנדזשען וועט אַ פרעמדע מאַמע
און אויסגיסן איר האַרץ.
וועט אָנקומען דער קאַלטער ווינטער —
דער פראָסט וועט בליִען ווײַס,
נישט ברענגען וועסטו אין דײַן בוזעם
פאַר מיר אַ וואַרעם נײַס...
צו דיר אין שפּיגל וועל איך קומען —
דעם לײַלעך וואַרף אַראָפּ,
וויש אָפּ די טרער פון דײַנע אויגן
און׳ העכער האַלט דעם קאָפּ.
סע איז בײַ אײַך אַ שיינער דרויסן,
נאָר מיר איז שוין אַלצאיינס.
נו, פאָר געזונטערהייט — איך קום דאָך
שטענדיק, ווען דו וויינסט״.

*

מײַן אייניקל האַלט אין זײַן הענטל מײַן ציטער —
ס׳באַגלייטן אונדז בליקן פון ליכט אינעם פענצטער,
מסתּמא מײַן טאַטערס בליקן.

דער זיידע בין איך און איך בין דער גערטנער —
כ׳האָב איבערגעפלאַנצט דאָס פּאַריתומטע ביימל
אין לאַנד פון פאַרשטערטן יום-כּיפּור.

*

דער וועג
וואָס מיר האָבן איצט איבערגעשניטן
עלעהיי מיט אַ שערל
געבליבן איז גאַנץ —
געשטיקעוועט זענען נאָר אונדזערע וועגן.

די וועגן —
זיי פליסן ווי טײַכן מיט טרערן
און גיסן צונויף זיך
אין ימען פון פּײַן.
געשטיקעוועט זענען נאָר אונדזערע וועגן.

די וועגן —
זיי פליסן ווי שטילע געבעטן
און גיסן צונויף זיך
אין ימען פון שײַן.
געשטיקעוועט זענען נאָר אונדזערע וועגן.

פאָרט אַ בחור

שטייט אין טשאָפּ *
אַ ווײַסער דרויסן,
אויף דער וועלט
איז קאַלט —
ייִדן טוען אויס
די פעלצן
און מען פאָרט
צו זון.

לאָזט מען איבער
כמורנעם הימל
איבער אֶדומס
ערד,
און אויף הפקר
בלײַבן איבער
שטיינער
אין דער פרעמד.

פירט מען שטיינער
אינעם האַרצן
און דעם גרויסן
בראָך...
פאָרט אַ בחור —
פירט ער גאָרנישט,
נאָר דעם נאָמען
ייִד.

* די באַן־סטאַציע אויף דער גרענעץ, דער וועג פאַר צענדליקער טויזנטער עולים.

אויף דער גרענעץ

זיבן שלעסער אויף דער גרענעץ,
נײַן און נײַנציק שווערע ריגלען,
שווערדן דרייען זיך אין טירן
אויף דער גרענעץ,
אויף דער גרענעץ.

הילכערס מאַכן קולי-קולות:
נײַנצן פייגל אָפּגעשאָסן,
זיבן שיפֿן, נײַנציק טאַנקען —
אויף דער גרענעץ,
אויף דער גרענעץ.

און מען קוילעט אָן אַ מעסער,
און מען שנײַדט פֿון ייִדן שטיקער,
און סע בליצן בליקן — מעסערס
אויף דער גרענעץ,
אויף דער גרענעץ.

הערט מען, כאָטש מען וויל נישט הערן,
טראַכט מען, כאָטש מען וויל נישט טראַכטן,
שווײַגט מען, כאָטש מען וויל נישט שווײַגן
אויף דער גרענעץ,
אויף דער גרענעץ.

זיצט מען און מען איז מתפּלל —
עברי האָט מען שוין פֿאַרגעסן —
בלאָנקען שטילע, שטומע תּפֿילות
אויף דער גרענעץ,
אויף דער גרענעץ.

צווישן לעמבעריק און טשאַפּ

פּעקלער, פּעקעלער און פּעק און פון אויבן ייִדן —
צווישן לעמבעריק און טשאַפּ כ׳פיר מײַן פּעקל לידער.

כ׳גיי פון איין וואַגאָן אין צווייטן מיטן בינטל שירים —
אָט די סחורה אויף דער גרענעץ קאָן מען קאָנפיסקירן.

וויקלט זיך דער וועג אויף רעדער און די זון פאַרגייט שוין.
זיצט אַ פּאָרל — אַלטע לײַט, שטערנס — סאַמע קנייטשן.

האָב איך אויסגעקליבן לידער — לאַנג און דין געשליפן —
און פּאַוואָלינקע באַהאַלטן צווישן קנייטשן טיפע.

לאָזט אַ ייִדענע אַ טרער, מיט די אויגן פינטלט —
האָב איך אין איר טרער באַהאַלטן פערזן נאָך אַ בינטל.

אויף אַ באַנק איר עופּעלע וויקלט איין אַ מאַמע —
אין די וויקעלער באַהאַלט איך נאָך אַ בינטל גראַמען.

זיצט אַ פּאָרל — יונגע לײַט, האָב איך זיך צעשמייכלט,
אויף זייער לאַנגן-לענגסטן קוש כ׳האָב אַ ליד פאַרצייכנט.

אויף אַ פּעקל זיצט אַ ייִד און ער זיפצט, דער אַלטער —
האָב איך אין זײַן טיפסטן זיפץ נאָך אַ ליד באַהאַלטן.

כ׳בין פון אים נישט אָפּגעטראָטן — נאָך אַ מאָל און ווידער —
אָט אַזוי אַדורכגעשמוגלט האָב איך מײַנע לידער.

שטיינערנע געלעגערס

שאָטנס,
שאָטנס —
מיליאָנען —
ענג
אין ענגשאַפט
פון וואַגאָנען —
פאָרן רעשטלעך
פון אַן אומה
צווישן שאָטנס,
פונעם גלות
אין וואַגאָנען
פאָרט אַ לעבן
אַ צעשאָסנס...

פאָרן טאַטעס,
פירן מאַמעס
זייערע קינדער
צו די שלאַכטן
אין דער נײַער
אין דער אַלטער
אין-דער-היים
פאַרפלאַנצן
ביימלעך...

פאַלן דאָרטן
הויכע שטאַמען,
ליגן דאָרטן
העלע זונען
אויף געלעגערס
שטיינערנע.

רױשן כװאַליעס, שעפּטשען שטערן

רחלען — מײַן שװעסטער

דרײַ מאָל אומגליק, נײַן מאָל װײ —
נישטאָ מײַן שעפּעלע.
פֿון דײַן שמייכל איז פֿאַרבליבן
אַש אַ הײפּעלע.

פֿרייד געװען איז דײַן באַרוף
אויף דער װעלט.
האָבן אונדזער פֿרייד פֿאַרצוקט
בייזע װעלף.

אינעם תּהום פֿון צײַט דער אומעט
זינקט װי בלײַ.
רױשן כװאַליעס נעבן ברעגעס —
פֿרייד באַנײַ...

שעפּטשען שטערן אין די הייכן:
גײ שױן גײ,
נײַער הימל, נײַע שטײנער —
אַלטער װײ...

איך זיץ אָפּ די טעג נעבן ים

א

געטראָגן מיך האָבן די פּיס אין דער פרעמד —
אַ ווערבע פאַרפלאָנצט האָבן ערגעץ די הענט.

באַגלייט מיך אַ שאָטן אין וועג אומעטום
און אַלע פרימאָרגן ער טאָרעט מיך: קום!

איך גיי און ער פירט מיך צום נעכטיקן טאָג —
דערמאָנט מיר וואָס איך האָב געטאָן און געזאָגט.

מיט יאָרן צוריק האָט מײַן ווייטיק געוואַכט,
ווען אונטער דער ווערבע פלעגט רוען די נאַכט.

ב

ס'גייט אויף די זון ווי אַ רויטער מאַראַנץ —
נישט איך האָב דעם דאָזיקן הדר פאַרפלאַנצט.

זײַן דופּטיקער שאָטן פאַרבעט מיך און לאָקט —
איך גיי און ער פירט מיך צום נעכטיקן טאָג,

אַ מהלך פון דאַנעט, מיט יאָרן צוריק,
ווען איך האָב פאַרברענט די פאַפירענע בריק

און אויסגעוויילט האָב איך דעם היימלאָזן וועג
דורך אײַזערנע בריקן צום גוייִשן ברעג.

ג

אין אָוונט צוויי שאָטנס זיך גיסן צונויף
און מאָנען פון מיר אַ געכפּלטן חוב:

צעצווייטע חלומות, צעשפּאָלטענעם גראָם —
אַנטלויף איך און זיץ אָפּ די טעג נעבן ים.

די תּורה פון בענקען איך לערן די טעג —
צוריקקער פון שיפן צום איינציקן ברעג.

אין בענקעניש בלאָער איך טובל די האַנט —
פאַרגעסט מיך די ווערבע אין פּראָסטיקן קאַנט.

רויכן

מיר ברענגען אַהער-צו
די מאַמעס און טאַטעס,
די שוועסטער צו ברידער,
די ברידער צו שוועסטער.

מיר ברענגען די ווענט
פון אַמאָליקע היימען,
צעאַקערטע סטעזשקעס
צום היימישן ברונעם.

מיר ברענגען די פּריזבע —
פאַרנאַכטיקע שמועסן,
דעם שטעטלישן גאַניק —
דרײַ הילצערנע טרעפּלעך.

מיר ברענגען די שוועלן
מיט טויטע פּאַדקאָוועס,
די שאָטנס אויף סטעליעס
און סקריפּ פון פּאָדלאָגעס.

דעם שימל פון קעלערס
מיט פּעסלעך געזאַלצנס,
דעם לייטער צום בוידעם,
דעם שפּינוועב און שמות.

מיר ברענגען די דעכער,
די קוימענעס — רויכן,
זיי זאָלן אונדז אייביק
פאַרטרערן די אויגן.

אַ בלעטל געשיכטע

געשיכטע,
פון דײַן וווּנדיק לײַב
אַרויסגעריסן האָט מען
אַ פֿאַרבלוטיקט בלעטל —
איך הייב עס אויף,
איך גלײַך עס אויס
מיט ציטערדיקער האַנט און האַרץ
און שיק עס צו דער וועלט
זכּרון וועקן....

איך גיי אַרום אין נײַעם פּאַרק,
אין אַיעדן שטאָם
איך זע מײַן שטאָם
און ס׳שפּראָצן צווישן גרינעם גראָז
ווי ציין צעקרישלטע
די שטיינער —
איך טרעט אויף קברים —
כ׳טראָג אַוועק
אויף מײַנע זוילן
דעם געשריי
פון צוויי מאָל
אומגעבראַכטע
ביינער.

בעלמעריש

אַ שטאָט אונטער שטיין

אַ שטאָט מיט ייִדן אונטער אַ שטיין —
די בעלעמער חכמים — דער הייליקער קהל.
קומט אין אַ טאָג אַ ווייַבל צוגיין:
— שמיל-איציק, דו הערסט! — זי שרייַט אויף אַ קול.
צעעפנט זיך גלייַך אַ שטיינערנע טיר:
— שאַ, שׂרה-גיטעלע, שרייַ נישט אַזוי,
דו האָסט פאַרגעסן — פון צוויי ביז פיר
שלאָפט אַפילו דער שבת גוי.
קוקט שׂרה-גיטל אויפן זייגער און זאָגט:
— דער ווייַזער שטייט אויפן שוואַרצן יאָר;
נישטאָ אויף מייַן זייגער קיין שעה און קיין טאָג,
ס'איעדע מינוט אַ פאַרשניטענער דור.
ענטפערט שמיל-איציק: — זייַ נישט קיין נאַר,
דער זייגער איז קאַליע, וואַרף אים אַרויס.
קום, וועסטו זען — נעבן פאַנאַר
שטייט אונדזער גאַס, אין גאַס שטייט דאָס הויז.
נעמט אָן שמיל-איציק זייַן ווייַב פאַר דער האַנט
און פירט זי אַרייַן דורך ליקן אין שטאָט.
רייַבט זי די אויגן און טאַפּט אַ וואַנט,
זי וויינט פון פרייד: — אַ נס פון גאָט!
— רבונו-של-עולם, ביסט מעכטיק און גרויס —
דו האָסט פאַרהיט די שטאָט און דאָס הויז.
זיי גייען אַרייַן אין שטוב דורך דער קיך,
פרעגט זי: — שמיל-איציק, ווו זענען די טעפּ?
— ייִדענע, זאָגט ער — מיך פרעגסטו, מיך?
דער רוח האָט זיי אַוועקגעשלעפּט.
פלוצים דערזעט זי אין ווינקל אַ טאָפּ,
די פאָקרישקע נעמט שׂרה-גיטל אַפיר:
— שמיל-איציק, אָט האָב איך געפונען דייַן קאָפּ!
— ווו ביסטו? — זי זוכט און געפינט נישט די טיר.

אין קבר... סע וואַרגט זי אַ שטום געשריי...
זי רײַסט אויף די אויגן, דאָס האַרץ פּאַלט אַרויס
און הענגען סע בלײַבט אויפן בלויען געקריי
וואָס שטעלט זיך אַרײַן דורכן פענצטער אין הויז.
דערשײַנט אויף דער שוועל אַ ווײַסע ציג
און קריכט צו דער מאַמען אין בעט אַרײַן,
קוויטשעט דער קליינער שמיל-איציק אין וויג,
צעגיסט זיך אין צימער אַ מילכיקע שײַן.
די שטעקשיך געפינען צוויי באָרוועסע פיס,
דאָס טרוקענע ווינדעלע גלעט אירע הענט,
אין האַרץ ווי אַ קריעה ווייטיקט אַ ריס
און, דאַכט זיך, סע שעפּטשען די טויבע ווענט:
„דער זיידע איז נאַר-וואָס געווען און אַוועק״.
דעם נאָמען שמיל-איציק זי טוליעט צו זיך.
געפינט ער און טשמאָקעט דעם ברוינעם פלעק —
דעם חלום ער זויגט מיט דער מאַמעס מילך:
„אַ יִדישע שטאָט לעבט אונטער אַ שטיין,
אַ שטאָט מיט חכמים — גאַנץ כעלעמער-קהל.
קומט אין אַ טאָג אַ ווײַבל צוגיין:
— שמיל-איציק, דו הערסט? — זי שרײַט אויף אַ קול.
צעעפנט זיך גלײַך אַ שטיינערנע טיר:
— שאַ, שׂרה-גיטעלע, שרײַ נישט אַזוי,
דו האָסט פאַרגעסן — פון צוויי ביז פיר
שלאָפט אַפילו דער שבת-גוי.
קוקט שׂרה-גיטל אויפן זייגער און זאָגט:
— נישטאָ אויף מײַן זייגער קיין שעה און קיין טאָג —
דער ווײַזער שטייט אויפן שוואַרצן יאָר,
ס׳איז יעדע מינוט אַ פאַרשניטענער דור״...

אין שפּיגל פון „מיזרח"

פּאַראַן פון גאָט געבענטשטע שטעט מיט וועלט-באַרימטע שרײַבער,
מיט פּאַרכטיקייט פּאַרנעמט די וועלט דעם סקריפּ פון זייער פּעדער.
אין כעלעם איז אַמאָל געווען אַ היימישער מחבר,
וואָס האָט געטרונקען שוואַרצע טינט און אויסגעזאָגט פון חדר.

פאַר ווײַבער כּלומרשט טינטלט ער די וווּנדערלעכע מעשׂיות
און טובלט זיך נאָך יעדן וואָרט אין חוהס פרומע אויגן;
די בתולות פּראַווען דאָרט חצות און טראָגן ארבע-כּנפות —
אַ נײַעם כעלעם שילדערט ער און כעלעמער — נישט געשטויגן...

די צאינה-וראינה אין אַ זײַט, פּאַרטאָן איז מען אין ביכער,
פּאַרגעסן האָט מען גאָטס געבאָט און ציבעלער מיט רעטעך —
סע שמעקט מיט אַפּיקורסות-טשאַד אין אַלע כעלעמער קיכן
און ווײַבער קריכן באַלד אַרײַן אין קהלישן שטח...

— סע טויג נישט! — האָט אַ ברום געטאָן אין מיזרח אהרן סטראַפּטשע.
— אָוודאי טויג נישט! — צוגעשאָקלט האָט מען אינעם שפּיגל.
— וואָס טויג נישט? — רודערט זיך די שול, נאָר בערל שמש קלאַפּט שוין:
— רבותי, שאַט! דער ראש הקהל פּאַרבעט צו זיך אויף קוגל.

דער קוגל פון אַ לאָקשנטאָפּ, וואָס מיט אַ לאָך אין מיטן —
דער עולם האָט אַרומגעקלעפּט דעם קוגל אין אַ רעדל.
דער ראש-הקהל הוסט זיך אויס, פּאַררוקט דאָס נײַע היטל
און די חכמים הערן אויס זײַן פײַערדיקע רעדע:

— רבותי, פונעם קוגל-לאָך איך רוף צו אײַער געוויסן!
עס לויערן אויף אונדזער שטאָט אַ מענגע נײַע „דיעות",
דורך אויערן-לעבער אומגעשטערט זיי טוען צום הארצן פליסן —
פּאַרבליבן טרײַ איז איינע נאָר, די טויבע גיטל-לאהס.

— רבותי, דער מחבר איז, זעט אויס, אַראָפּ פון זינען,
און אפשר גאָר פון פּוסט-און-פּאַס דער שרײַבער מאַכט זיך נאַריש —
ער גריבלט זיך אין כּעלעמער מיסט, ער פּינעט און ער סלינעט,
אַראָפּ איז ער פון גלײַכן וועג, אויב זאָגן ליטעראַריש.

— רבותי, זײַנע גענגעלער קאָן כּעלעם נישט פאַרטראָגן,
געניצעוועטע כּעלעמער — פאַר כּעלעם נישט קיין סחורה.
זאָל קהל גלײַך באַפעלן אים: אַראָפּ פון אונדזער וואָגן!
וויין כּעלעמס טאָכטער — הײַנט האָסטו אַ חכם אָנגעווווירן.

— קיין בייגעלע פּאַפּיר דעם תּוך נישט לייען, נישט פאַרקויפן
און זײַנע טרייפע כּתבימלער נישט לייענען, נישט פאַרשפּרייטן.
און רופן זאָל מען אומעטום, און וואָרענען אָן אויפהער:
פאַרהיט די קינדער, כּעלעמער, פון שרײַבער דעם צעדרייטן!

מיט פּורים-גראַגערס טאָג און נאַכט זײַן וואָרט אין לופט פאַרקלאַפּן,
די שטותערײַען פון זײַן פען אַרײַנוואַרפן אין חרם.
די וואָרטכאַפּערס באַשטראָפן שטרענג און אָפּשטעלן דאָס פּלאַפּלען —
מחוץ דער ווײַבערישער שול די רעדעכצן פאַרווערן...

אַ כּעלעמער שווײַגער רופט זיך אָפּ:
— גערעכט! וואָס שייך ווײַבער —
די מײַלער זייערע פאַרשטאָפּט, די צינגער רײַסט אַפילו,
נאָר אַ מחבר שרײַבן מוז.
וואָס קאָן דען טאָן אַ שרײַבער?
און אהרן סטראַפּטשע ענטפערט:
— וואָס? נישט קראַנק צו שרײַבן תּפילין!

אין כעלעמער צולהכעיס-שול

אין כעלעמער צולהכעיס-שול האָט זיך אַ מעשׂה פֿאַרלאָפֿן —
פֿאַר טאָג האָט דער שמש געפֿונען דעם עמוד אין צפֿון,
דעם מיזרח אין מעריב — די יוצרות האָט עמעץ פֿאַרביטן —
נאָר דער באַלעמער ווי פֿריִער איז געשטאַנען אין מיטן.

דער גבאי, פֿאַרשטייט זיך, איז אויבעט מבולבל געוואָרן —
די פּני וועלן זיצן פֿון הינטן און עמך פֿון פֿאָרנט,
נאָר תּיכף דעם פֿאַסיקן פּסוק דערלאַנגט — כּמו שנאמר,
למאַי אויפֿן פּלאַץ איז פֿאַרבליבן אין שול דער באַלעמער.

דערוויסט זיך דער כעלעמער רב און ער בריַיעט: אַ פּשיטא,
אין שול נישט אומזיסט שטייט דער אַלטער באַלעמער אין מיטן,
און גאָר נישט קיין אומגליק, ס'איז דרך-הטבע, פֿאַרשטענדלער,
פֿון מיזרח קיין מעריב האָט איבערגעוואַנדערט אַ שטענדער.

דערהערן די כעלעמער בעלי-בתּים און קומען צולויפֿן,
צעפּראַלן די פּיסקעס, צעלאָזן די צינגער אויף שרויפֿן,
ווי ציינרעדער מאָלן די מיַילער און האַקן און בראָקן:
— מיר פֿאָדערן אונדזערע שטעט, וויַיל מיר האָבן חזקה!

פֿאַרבעט מען קיין כעלעם פּרנסים פֿון קראָקע און וואַרשע —
איין מומחה פֿאַרענדיקט, איז ממשיך אַן אַנדער בעל-דרשן.
כאָטש איינער דעם צווייטן פֿאַרגראַגערט און קריכט אין גרגרת,
מען זוכט אָפּ אין כעלעם חטאים, מען שריַיבט צו עבֿרות...

דריַי טעג און דריַי נעכט האָט די גרויסע אַסיפֿה געדויערט,
די וואָרטנעמער האָבן די מוחות געדרייט און געבוירעט,
דעם כעלעמער עולם אַהער און אַהין-צו געוואַקלט,
און שפּעט נאָך חצות האָט דער גבאי דעם שמועס פֿאַרסך-הכּלט:

— רבותי, כּאָטש איבערגעקערט איז דאָס טעפּל באַגריפן,
נישט אונטערגעגאַן איז די שטאָט און די כעלעמער שיפן.
געלויבט איז דער בורא וואָס זאָרגט וועגן כעלעם דאָרט אויבן —
געקאָנט האָט זײַן ערגער — טאָ זאָגן מיר: גם זו לטובה.

דער מיזרח פון שול איז אין מעריב, דער צפון אין דרום. —
נאָר כעלעם דערפון איז חלילה נישט חרוב געוואָרן.
ווײַל כּל-זמן עס שטייט ווי אַ פעלדז אין דער מיט דער באַלעמער
איז כעלעם אַ שטאָט און די כעלעמער זײַן וועלן כעלעמער.

אין צאָפּ איז געלעגן די גבורה פון שמשון הגיבור,
נאָר אונדז האָט דער בורא באַשאָנקען מיט כּוח-הדיבור.
דערשטיקן דעם כעלעמער שׂכל איז עלול די שתיקה,
און שיברי-מחשבות באַקומען אין ווערטער אַ תּיקון.

ווען קהל אַראָפּרעדן זיך אַלדאָס-בייזס פונעם האַרצן,
נישט אָנווערן כעלעמער בטחון אין צײַטן אין האַרבסטע,
ווי רויך אויפן ווינט וועלן פאַלשע נביאים אַנטרינען
און רוען וועט איבערן כעלעמער באַלעמער די שכינה.

— רבותי, דער שׂטן וואָלט כעלעם צעריסן אויף שטיקער.
געדענקט, ווען איר שטייט אויפן אַלטן באַלעמער דעם עיקר:
החיים והמוות — אויף צינגער פון כעלעמער חכמים.
באַהיט גאָט פון פלאַפּלער!
און כעלעמער ענטפערן:
— אָמן!

אַ מעשׂה מיט אַ קנעפּל

פּורים אין כעלעם האָט געווייט און געדרייט.
האָבן חכמים געבריִעט — אַ סברא,
נאָך דער מגילה איז אונטערן שניי
עמעצער ערגעץ פאַרפרוירן געוואָרן.

ערב פּסח — דער שניי איז אַראָפּ —
האָט מען געפונען אַ קנעפּל אין בלאָטע.
איז תיכף דאָס קנעפּל געוואָרן אַ קנאָפּ,
צום קנאָפּ צוגעשפּיליעט מען האָט אַ קאַפּאָטע.

אין דער קאַפּאָטע געגאַן איז אַ ייִד:
— אונטערן גלעזל...
— יינו בראשו...
— אַנטשלאָפן געוואָרן..
אונטערן שניי
איז אומגעקומען אַ כעלעמער תּושב.

ציילן חכמים די תּושבים אין שטאָט.
אין הײַזער, אין גאַסן, אין שולן, אין קלויזן,
אין שטיבלעך, אין הקדש, אין מאַרק און אין באָד —
נישט איינער, נישט צוויי,
נישט הונדערט... נישט טויזנט...

געלויבט איז זײַן נאָמען — אַלץ אויפן אָרט,
די מענער צו שחרית, די ווײַבער בײַם טעפּל.
פרעגן חכמים אַ קשיא: — און פאָרט,
פון וואַנעט אין כעלעמער בלאָטע אַ קנעפּל?

מע קײַעט די בערד, די נאַקנס מען קראַצט,
מע זינקט אין מחשבות מיט ווייטיקן טיפֿע:
„אַלץ אויף דער וועלט האָט אַ זין אויף זײַן פּלאַץ —
מוז אויך דאָס קנעפּל באַקומען אַ תּיקון".

האָט קהל צום קנעפּל צוגעלייגט קאָפּ,
פֿאַרניצט אַכט מאָס רייד פֿון די נײַן מאָסן
און צונייען צו עמעצנס קאַפּאָטע דעם קנאָפּ
האָבן די כעלעמער חכמים באַשלאָסן.

און ווידער האָט קהל אַן אַסיפֿה געמאַכט,
דאָס קנעפּל מיט שווערע הלכות באַלאָדן,
אַ נאָדל פֿון נאָדללאַנד האָט מען געבראַכט,
אין אויערל געסיליעט אַ כּשרן פֿאָדעם.

דרײַ שנײַדערס האָבן דעם פֿאָדעם געשלעפּט,
געצויגן אַהיים צום כעלעמער דיין.
טענהט ר׳ משה: אים פּעלט נישט קיין קנעפּ
און מוחל דעם כּבוד דעם גבאי ר׳ שמעיהן.

גייט מען צום גבאי: ער זאָגט זיך נישט אָפּ,
אַז קהל באַשטייט, איז אַדרבא, מילא —
נאָר אויף דער קאַפּאָטע אַן איבעריקער קנאָפּ,
און וואָס וועלן זאָגן דערויף די ערלים?

קומט מען צום שמש. מאַכט ער: או-וואַ!
אַן איבעריקער קנאָפּ — אַ נשמה יתירה.
ער האָט נישט פֿאַרדינט דעם דאָזיקן שבח
און וויל פֿונעם קנעפּל אַפֿילו נישט הערן.



האָט קהל געשטעלט אויפֿן מלמד דעם טראָפּ.
זאָגט ער: — רבותי, מהיכא-תּיתי, אַ ברירה?
נאָר אָפּרייַסן וועלן קונדסים דעם קנאָפּ,
וועט פֿאַלן אויף בעלעם אַ גרויסע עבֿרה.

און אָנטאָן דעם כּבֿוד האָט קהל געוואָלט
דעם עלטסטן מאַלאַטשע פֿון חבֿרה-קדישא.
זאָגט ער: — אַ קנעפּל? ס'מעג זייַן פֿון גאָלד —
און ווינקט אויפֿן בעלעמער גבֿיר ר' אלישע.

זאָגט ר' אלישע און גלעט זיך די באָרד:
— געטראָפֿן דעם מענטש וועמען קהל דאַרף באַצירן!
זאָל בעלעם געפֿינען דאָס פּאַסיקע אָרט...
דערווײַל האָבן ייִדן געהאַלטן אין ספֿירה.

ביז שבֿועות האָט בעלעם געציילט און געקלערט.
זעט אויס, נישט אומזיסט זיך געבראָכן די מוחות —
געפּסקנט: דאָס קנעפּל איז אוצרות די ווערט,
און צוגענייט ס'קנעפּל צום שענסטן פּרוכת.

מען לייענט נישט!

געלייענט האָט מען דעמאָלט די פּרשה וארא,
געשען איז עס גראָד אין אַ שבת-מברכים;
אויפן באַלעמער אין מיטן דעם לייענען
איז זיך צעגאַנגען אַ כעלעמער חכם:

— מע לייענט נישט!
אַ זעץ מיט דער פויסט אין באַלעמער.
— מע לייענט נישט! —
ער שרייַט צום צעטומלטן עולם.
אין שול הייבט זיך אויף אַ געוואַלד,
אַ געפּילדער —
מע שטייט ווי אויף נאָדלען,
מע שפּרינגט ווי אויף קוילן:

— ס׳אַ חילול-השם!
— ווער איז ער!
— וואָס וויל ער?
— ווו איז דער גבאי?
— וואָס שווייַגט איר, ר׳ מרדכי?
— מע לייענט נישט! —
שרייַט עמעצער פונעם באַלעמער —
און אויסהערן וועט מיך דער גבאי בעל-כּרחו.

— ווו איז דער שמש?
— ר׳ בערל, ווו זענט איר?
— וואַרפט אים אַרויס!
שרייַט דער כעלעמער גבאי.
— מע לייענט נישט!
דער עמעצער מאַכט קולי-קולות.
— איר וועט מיך פון דאַנען — זאָגט ער —
נישט פאַרטרייַבן.

— שאַ! — שרײַט דער גבאי.
— שאַ! — קלאַפּט דער שמש.
— שאַ! — רופט דער עולם.
— ווער איז ער?
— וואָס וויל ער?
— לאָזט אים רעדן.
— שאַ!
— זאָל ער זאָגן.
— שאַט, עולם!
— שאַט!
— שאַט זשע שוין!
— שטילער!

ווי אָפּגעהאַקט האָבן זיך פּלוצים די קולות.
— רבותי, איר פרעגט מיך
ווער בין איך,
וואָס וויל איך?
— וואָס? איר דערקענט מיך נישט? —
פרעגט ער דעם עולם —
וועל איך אײַך דערמאָנען:
כ׳בין איציק משולח.

— איך קום פון דער וועלט —
כ׳האָב געוואַנדערט-געוואָגלט,
געזעסן אין קעלער —
געראַטעוועט כּלעם.
געזוכט און געפונען דעם בלײַענעם פויגל —
פאַרגאַן זענען טעג און די יאָרן געפלויגן.

און דאָ איז דער היים זענען קינדער געוואַקסן,
איז אונטערגעוואַקסן אַ כּלה — מײַן טאָכטער.
געלויבט איז דער אייבערשטער —

איך בין געקומען,
צוריקגעבראַכט האָב איך מײַן טאָרבע בטחון.

האָב איך אַ שידוך געטאָן מיט מײַן עלטסטער —
אַ גליק, קיין עין-הרע, אָן אײַער שאָדן,
דער חתן — אַן אוצר, אַ קבצן אויף דריקעס,
און צוגעזאָגט האָב איך, פאַרשטייט איר מיך,
נ ד ן.

זאָל כּעלעם מיר העלפן!
— זאָל צוזאָגן קהל!
— מיר זאָגן דיר צו! — שרײַען אַלע ווי איינער.
— זײַט זשע מיר מוחל — זאָגט דער משולח
און ווישט אָפּ די טרער.
— איצט קאָן מען שוין לייענען.

— חכם, — זאָגט שפּעטער דער גבאי ר׳ מרדכי —
געקאָנט האָסטו קומען צו מיר נאָך ראש-חודש.
— עט, — מאַכט ר איַיזיק —
וואָס ווילט איר פאַרגלײַכן
אײַער שראַנק אין דער היים
מיט אָט דעם אָרון-קודש?

אויף קהלס חשבון

— אַ בושה! אַ חרפה! אַ מיאוסע זאַך! —
געזאָגט האָבן בעלעמער ווײַבער —
אַ חכם אין שטאָט האָט אַ שידוך געטאָן,
אין גרוב מען וויל אים פאַרטרײַבן.

— וואָס האָט ער — חוטא-בעגל געווען?
געקראָכן אין קהלישער שיסל?
נו, אויב אַפילו געכאַפּט בײַ דער האַנט,
קומט אים דען הענגען צי שיסן?

און וואָס איז די מעשׂה?
אַזוי איז געווען —
אַ ייִד איז געפאָרן אין שליחות,
האָט ער געבראַכט אַ חתן פון וועג
פון גרויסן רבנישן ייִחוס.

אַ בחור כּהלכה מיט אַלץ וואָס מען דאַרף,
מיט אַלע זיבעצן מעלות.
נישטאָ וואָס צו שמועסן — אַן אוצר,
הלוואַי אויף אַלע בעלעמער כּלות.

דער בחור האָט ערגעץ געוואָגלט אין פרעמד —
זיך אויסבאַהאַלטן פון זשערעב.
די שליחים — נאָר מען פאַרזשעברעט אַ וועלט,
האָט ער דעם אוצר פאַרזשעברעט.

„אויף קהלישן חשבון — טענהט די שטאָט —
געבראַכט פאַר זײַן בתולה אַ חתן".
חלילה, נישט בלוט — ביטערע גאַל
האָט זיך אין גאַסן געגאָסן.

— די שליחים — צי האָבן זיי קהל אין זין?
חתנים זיי האָבן אין זינען.
אַז ווי נאָר מען פּאָרט אַרויס אויף דער וועלט
פאַרגעסן זיי קנין-און-מנין.

נאָר אַנדערע האָבן געפונען אַ זכות:
דריַי טעכטער פאַרמאָגט ער, ר׳ הערשל.
מילא, נישט אונטערגעגאַן איז די שטאָט,
מאַלע — אַ חכם ווערט ניכשל.

נאָר ס׳האָבן די פּליאָטקע-מאַכערס אין מאַרק
געלעכערט דעם עולם די אויערן:
— אויף קהלישן חשבון דעם חתן געבראַכט,
דאַרף כעלעם דערפאַר וואַרפן גורל.

געמאַכט אַן אַסיפה האָט כעלעמער קהל
און טאַקע פּה-אחד באַשלאָסן:
„צונויפטרײַבן זאָל מען די כלות אין שול
און אויסשפּילן וועט מען דעם חתן״.

„אין כעלעם אַזוינס זאָל שוין מער נישט געשען —
דעם שליח ווי ס׳געהער צו זײַן קנסן:
ער פירן דעם חתן זאָל איבער דער שטאָט
און שרײַען ער זאָל אין די גאַסן:

„הײַנט, צווישן מינחה און מעריב אין שול
וועט מען די צעטעלער ציִען,
דער כעלעמער דיין וועט זאָגן אַ וואָרט.
ויבוא גואל לציון״.
אָמן.

דער באָבעס ירושה

דערלעבט האָט די באָבע ביז הונדערט מיט צוואָנציק —
שאַ-שטיל איז אַוועק פון דער וועלט שיינע-פּערל
און איבערגעלאָזט פאַר איר ליכטיקן אָנדענק
צוויי זילבערנע לײַכטער און אַ שנירעלע פּערל.

אַז כעלעם קאָן רעכענען — איז דאָך נישט שייך,
און ווו איז געמאָלן אַ ייִד זאָל נישט ציילן?
נאָר כעלעמער חכמים פאַרלירן דעם חשבון
ווי באַלד אַ ירושה ס׳קומט אויס צו צעטיילן.

נישט לײַכט איז אַפילו ווען צוויי זענען יורשים,
און דרײַ-פיר משפּחות איז אויך נישט געפערלעך.
נאָר ווי איז דער דין, אַז אַ גאַנצע שטאָט ייִדן
באַקומען ירושה איין שנירעלע פּערל?

סך-הכל — פאַר זיבעצן כעלעמער קלויזן
און זיבעציק שטיבלעך — צוויי זילבערנע לײַכטער.
און זיבן און זיבעציק בראַווע גבאים
פירן חיילות פון יורשים אין שלאַכטן:

די העקערס, די טרעגערס, די שנײַדערס און שוסטערס,
קצבים, משרתים, פּוסטילניקעס, בלעכערס —
און אַלע חכמים, נבונים, גיבורים —
איעדער איז בילכער, נישטאָ איז קיין העכערס...

און ביז אין די שלושים האָט כעלעם געפּיבערט,
גערופן אַסיפות די שטאָט מיט אבלים —
צו זיבעצן קלויזן און זיבעציק שטיבלעך
מיט יושר דער באָבעס ירושה פאַרטיילן.

פון ניסן ביז סיוון געקהלט האָט זיך כּעלעם,
די שטאָט האָט געחשבונט פון תּמוז ביז חשוון,
ס׳איעדער געקומען מיט אייגענער רעכענונג,
געמאַכט האָבן שנײַדערס אַ שנײַדערשן חשבון:

„היות זייער שול איז די שענסטע אין כּעלעם —
פאַרבלײַבן די לײַכטער דאָ זאָלן אויף תּמיד.
אַ חלק וועט ס׳וויל אין דער באָבעס ירושה
זאָל קומען אַהער מיט זײַן אייגענעם עמוד״.

געהאַקט האָבן העקערס, געבראָקט די קצבים,
די בלעכערס גערעדט, די בעקערס — געבאַקן
עצות — דער באָבעס ירושה צעטיילן;
דערגאַן ביזן הימל איז זייער ויצעקו

ביז גאָט האָט געהאָלפן און קהל געפּסקנט:
„צוויי לײַכטער אַלעמען קאָנען נישט סטײַען.
דעריבער האָט כּעלעם פּה-אחד באַשלאָסן
אַ קלויז פאַר די לײַכטער צו בויען אַ נײַעם״.

און אויסגעוויילט האָט מען די רגע אַ גבאי —
דעם נגיד ר׳ זושען, פאַר שמש — ר׳ בערלען.
און געלט? — וועט מען קריגן,
ווײַל גאָט איז אַ פאָטער.
ביז עפּעס — פאַרזעצן דאָס שנירעלע פּערל
און שטעלן אַן עמוד, און דינגען אַ חזן —
נישקשה,
סע פּראַוועט גבאות רעב זושע,
רעב בערל דער שמש פאַרקויפט שוין עליות
און ביידע דערלייגן דער באָבעס ירושה.



דער אוצר

שיִע-שלום זעט אין חלום — יאָנטל וואַסערפּירערס פערד
שטייט און גראָבט אין מיטן שולהויף מיט אַ קאָפּיטע די ערד.

איז דער כעלעמער בעל-חלומות צו דעם שולהויף גלײַך אַוועק,
אויפן וועג די בעלי-בתּים האָט דער חכם אויפגעוועקט.

איז אַ לויפעניש געוואָרן — ס׳פּליִען אויפן ווינט די בערד
און אַ סברא — אויף אַן אוצר אָנגעוויזן האָט דאָס פערד.

נאָר דערזעען האָט מען אין שולהויף ניִשט קיין פערד — אַ ווײַסע ציג.
— מילא — זאָגט מען — אויך אַ בהמה, ווייסט זי ווו דער אוצר ליגט.

שיִע-שלום כאַפּט אַ פלאָקן און באַצייכנט גלײַך דאָס אָרט
און די ציג האָט ווי אַן עדות צוגעשאָקלט מיט דער באָרד.

פרעגן כעלעמער חכמים: — ווי דערקלײַבט מען זיך צום גליק?
נאָכן רב און נאָכן גבאי האָט מען שליחים צוויי געשיקט.

— גראָבן! — האָט דער רב געהייסן און דער גלאַוונער גבאי אויך.
האָבן כעלעמער געגראָבן — אַזש געגאַנגען איז אַ רויך.

ביז קאַיאָר האָט מען געגראָבן אין דער ערד ווי פּוטער ווייך,
אָפּגעדאַוונט האָט מען שחרית — ביזן ליים האָט מען דערגרייכט.

און געגראָבן האָט מען ווײַטער, בשעת-מעשׂה זיך געקהלט
ווי אַזוי מע וועט צעטיילן סײַ דאָס זילבער, סײַ דאָס גאָלד.

ביז חצות האָט מען געגראָבן — פון דער טיף אַרויסגעשלעפּט
אַ צעבראָכן ערדן טעפּל און דערנאָך נאָך זיבן טעפּ.

נאָר די טעפּ האָבן געשוויגן — וועגן אוצר נישט קיין וואָרט,
איז עס דאָך דער בעסטער סימן — דאָ איז דאָס געבענטשטע אָרט.

דרײַ מעת-לעת האָט מען געגראָבן און אַנטדעקט אַ גרויסע קרוג
פול מיט גאָרנישט און באַשלאָסן האָבן כעלעמער — גענוג!

האָט געטענהט שיִע-שלום, דווקא דאָס איז אַ באַווײַז...
און אַראָפּ זענען חכמים אינעם טיפן גרוב באַנײַס.

ווײַל דער אוצר האָט געמוטשעט, און פאַרוואָגלט איז דער שלאָף,
האָבן כעלעמער דאָליבעט און געהאָפט דערגיין צום סוף.

און דערווײַל געמאַכט אַסיפות, זיך געאַמפּערט און געקהלט
ווי אַזוי מע וועט פאַרטיילן סײַ דאָס זילבער, סײַ דאָס גאָלד.

און געגראָבן האָט מען ווײַטער, אין דרײַ שיכטן, דרײַ מעת-לעת,
אויפן צענטן טאָג אין כעלעם איז געשען דער גרויסער נס:

ס׳האָט אַ זעץ געטאָן דאָס וואַסער — מיטן לעבן קוים אַרויס
זענען כעלעמער חכמים — ס׳האָט געבוואָליעט און געברויזט,

ס.האָט דאָס וואַסער זיך צעגאָסן און פאַרפלייצט אַ האַלבע שטאָט
און די צווייטע העלפט פאַרפלייצן האָט דער וואַסערשטראָם געדראָט.

זענען כעלעמער געשטאַנען מיט די ציגן אויפן באַרג
און געזוכט און נישט געפונען נישט די גאַסן, נישט קיין מאַרק.

— אַ כּפּרה אַלע אוצרות — האָבן כעלעמער געטראַכט —
פאַר אַ ווינקעלע אין כעלעם, פאַר אַ שטיקל שינדל-דאַך.

אַלץ אַוועק איז מיטן וואַסער — ס׳איז דער רוח געוואָרן רײַך,
פונעם אוצר אינעם שולהויף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך.

אַ קאַץ אין אַ זאַק

געווען איז אַמאָל אַ פאַרחלומטער ייִד
מיט אויגן ווי הימלפאַרב בלויע,
אַרומגעגאַן איז ער אין כעלעם דער שטאָט
עלעהיי אינעם עולם התוהו.

ער קומט אין דער פרי אין בית-מדרש אַריַין
און איידער מען לאָזט אויס „עלינו״,
לויפט צום שטיינבאַרג אַהינטער דער שטאָט
און טאַסקעט אין שטאָט אַריַין שטיינער.

דער כעלעמער שטייט אויפן מאַרקפּלאַץ דערנאָך
און ברויטהענדלער קומען צופאָרן:
— די גאָלדשטיינער — זאָגט דער פאַרחלומטער ייִד —
איך ביַיט נאָר אויף ווייץ אָדער קאָרן.

— ווי שטייט איצטער קאָרן?
— ווי האַלט עס מיט ווייץ?
ווי באַלד מען פאַרגליַיכט זיך אין מקח,
כאַפּן די סוחרים אַ קאַץ אין אַ זאַק
און זאָגן: — רעב מלך, כ׳בעטאָך.

די קאַץ אינעם זאַק טראָגט דער חכם פון מאַרק,
מיאַוקעט דער ווייץ אויף זיַין רוקן...
האָט עולם גערעכנט, געטראַכט און געקלערט —
געזוכט פאַר דעם ייִדן אַ תּיקון.

האָט כעלעמער קהל אַן אַסיפה געמאַכט
און טאַקע פּה-אחד באַשלאָסן:
„ס׳אַ גרויסע מציאה אַ קאַץ פאַר אַ שטיין —
דער ייִד האָט אַ שיינע פּרנסה״.

„פאַרשידענע שלעק גייען אַרום אויף דער וועלט—
מסתּמא אַזוי וויל דער בורא —
דער כעלעמער ייִד איז אַ גילגול אַזאַ
און קעץ זענען, זעט אויס, אַ סחורה״.

און כעלעמער פּסקענען: „זאָל ער דער ייִד
אַרומגיין אין עולם התּוהו;
דערווייַל ווערט מען פּטור פון נאַרישע קעץ.
פון שטיינער אַ שול וועט מען בויען״.

דער כעלעמער חכם ברענגט שטיינער אין שטאָט
און בייַט אויס אויף ווייץ און אויף קאָרן,
ער טראָגט אויף די פּלייצעס אַ קאַץ אין אַ זאַק
און איז שוין נתעשר געוואָרן.

די קופּע מיט שטיינער וואַקסט אויפן מאַרק —
האָט קהל אַן אַסיפה גערופן.
באַשליסט מען איבערצובויען די שטאָט
גאָר אין דער נאָענטסטער תּקופה.

בויען חכמים אַ שול און אַ באָד
און פלאַסטערן גאַסן און וועגן.
דער ייִד ברענגט איעדן פרימאָרגן אַ שטיין,
דעם זאַק טראָגן סוחרים אַנטקעגן.

פאַרשווּנדן די קעץ און טויזנטער מייַז
צעגריזשען אין כעלעם די ברעטער.
די שטאָט איז פאַרזאָרגט — דער עולם פאַרשטייט,
נאָר טראַכטן דערויף וועט מען שפּעטער.

מען בויט און פֿאַרבויט אַ גאַס נאָך אַ גאַס,
מע זיצט שוין אין שטיינערנע הייזער,
נאָר ס׳מערן זיך שטשורעס און ס׳לויפֿן אום מײַז
און בויערן, גריזשען און בײַסן.

האָט ווידער די שטאָט אַן אַסיפֿה געמאַכט —
געשמועסט וועגן מײַז, וועגן לעבער,
אַז קאָרן דערפֿאַר איז געשטיגן אין פּרײַז
און ווייץ שטייט אַ קאָפּעלע העכער.

אַז כּעלעם פֿאַרמאָגט נאָר געלעכערטע זעק —
דאָס שאַפֿט אַ געוויסע מניעה,
דעריבער איז איצט, ווען ס׳דערקוטשען די מײַז,
אַ קאַץ אין אַ זאַק — אַ מציאה...

געווען איז אַמאָל אַ פֿאַרחלומטער ייִד
מיט אויגן ווי הימלפֿאַרב בלויע,
אַרומגעגאַן איז ער אין כּעלעם דער שטאָט
עלעהיי אינעם עולם התּוהו.

ווּ זענען די שליחים?

און אַלץ געווען איז גרויס אין גרויסן כעלעם:
אַ גרויסער גאָט, אַ גרויסע שוויץ און גרויסע אויגן.
כאָטש גרויסע צרות איז מען אויסגעשטאַנען,
האָט מען געהאַנדלט גרויס און הויך געפלויגן.

אַרייַנטוערס געווען איז מען די גרעסטע,
און ווּ אַ פּריץ האָט געהאַט זייַן מאָשקע —
אַ כעלעמער, פֿאַרשטייט זיך, און אַ חכם —
וואָס האָט געשמיסן אויפֿן פּריצס דראָשקע.

ויהי — דער פּריץ שיקט נאָך זייַן כּל-יכול —
דער מאָשקע האָט געהייסן דווקא הלל —
און זאָגט צום חכם: — טו אַ שפּרונג קיין כעלעם
און ברענג מיר, זאָגט ער, ס׳טעלערל פֿון הימל.

אַ צווייטער פּריץ איז זיך אויך מיישב
און טוט דאָס זעלבע מיט אַן אַנדער הילוך.
ער רופֿט די כעלעמער פּני און הייסט זיי ברענגען
נישט מער, נישט ווייניקער — אַן עמער פֿויגלמילך.

האָט קהל באַלד גערופֿן אַן אַסיפֿה —
באַטראַכט האָט מען צום ערשט די ערשטע גזרה.
חכמים זוכן ס׳טעלערל אין הימל —
דערזעט מען די לבֿנה (און די שטערן).

ביז כעלעם האָט געקלערט און זיך געיִישובֿט
איז פֿונעם הימל ס׳טעלערל אַנטרונען —
מסתּמא אויף דער ערד אַראָפּגעפֿאַלן
און כעלעמער שליחים וועלן עס געפֿינען.

איז מען אַריבער צו דעם צווייטן ענין —
מע טראַכט און קלערט, ביז בלוט מע בײַסט די נעגל...
אַ קלייניקייט — אַן עמער פֿויגלמילך!
ווּ כאַפּט מען עס די מעלקנדיקע פֿייגל?

האָט קהל באַלד צעשיקט אַ שטאָט מיט שליחים
דאָס טעלערל פֿון הימל זאָל מען קריגן
און מעלקן זאָל מען אויף דער וועלט די פֿייגל —
איעדער נעמט אין וועג אַרײַן אַ קריגל.

מען לייגט אַרײַן אַ לאַבן ברויט אין טאָרבע,
דעם טלית און דאָס זעקעלע מיט תּפֿילין,
מע לויפֿט אַוועק — חלילה נישט פֿאַרזאַמען,
ווײַל מיט די פּריצים טאָר מען זיך נישט שפּילן:

אין לאַנגן וועג אַוועק זענען די שליחים
און אויסגעווען אַ וועלט זענען די בעלעמער —
זינט יאָרן זוכט מען ס'טעלערל פֿון הימל
און פֿרישע פֿויגלמילך אַ פֿולן עמער.

די שליחים זוכן און די אַלטע פּריצים
דערקוטשען גוט דעם קהל, דראָען, מאָנען,
און די געשעפּטן האַלטן זיך אויף נסים —
פֿון שהחיינו ביז שהחיינו...

און בעלעם וואַרט און קאָן זיך נישט דערוואַרטן.
די שליחים — זאָגט מען — זוכן די מדינה,
ווּ אַלע כאַפּן טעלערלעך פֿון הימל
און גאַנצע טײַכן פֿויגלמילך רינען.

דער גרויסער עצה-געבער

ווען גלופסק איז נאָך אין וויקעלער געלעגן
איז כעלם שוין געווען אַ שטאָט ביַי ייִדן
מיט קאָמפּמענטשן און סאַמע עצה-געבערס
אין ציַיט פון שלאַכטן און אין טעג פון פרידן.

און כעלעם פלעגט די גאַנצע וועלט פאַרזאָרגן
מיט גרויסע קעפּ, מיט קענערס און מיט ווייסערס.
דערציילט מען מעשׂים וועגן אַ בעל-יועץ
וואָס איז געווען דאָס אייבערשטע פון שטייסל.

ויהי — אַן אומגליק האָט געטראָפן כעלעם,
נישט דאָ געדאַכט, נישט היַינט געדאַכט — אַ צרה;
די שטאָט אַ צוף טאָן האָט פאַרטראַכט דעם פריץ —
אין גאַל געקראָכן און דערגאַן די יאָרן.

איז קהל געקומען צו ר׳ חיים חכם.
דער יועץ איז געפאַלן אויף אַן עצה —
דעם פריצס האַרץ אַ ביסל ווייכער מאַכן
און אויסלייזן די כעלעמער מן-המצר.

— רבותי, — זאָגט ער — כעלעם איז אַ חלום
מיט אוצרות גאָלד און טיַיערע באַרליאַנטן.
אַ שטיקל חלום גיט אַוועק דעם גזלן
וועט ער שוין זיצן שטיל אין זיַין מאַיאָנטיק.

האָט קהל אַ פּענעץ חלום אָפּגעשניטן —
ס׳האָט אויסגעזען ווי קריעה זאָל מען ריַיסן.
אַוועקגעטראָגן האָט מען עס צום פּריץ
ווי שלח-מנות איַינגעהילט אין וויַיסן.

דער פּריץ האָט געכאַפּט דעם פּענעץ חלום
און סטראַשעט ווידער מיט זײַן גראָבן שטעקן.
און ווידער גייט מען צו ר׳ חיים יועץ.
באַשליסט ער: — ייִדן, גיט אים נאָך אַ ברעקל.

דער פּריץ האָט דאָס ברעקל אויך גענומען
און סטראַשעט ווידער — איצטער מיט אַ דריקל.
חכמים לויפן ווידער צום בעל-יועץ,
ער זיפצט: — נו, מילא, גיט אים נאָך אַ שטיקל.

דאָס שטיקל חלום כאַפּט אַוועק דער פּריץ
און דראָט שוין ווידער — דאָס מאָל מיט אַ ביקסל.
שיקט קהל שליחים צו דעם עצה-געבער,
באַפעלט ער: — ייִדן, גיט אים נאָך אַ ביסל.

דאָס ביסל כאַפּט מיט הענט און פיס דער אַכזר
און סטראַשעט ווידער — איצטער מיט קאַזאַקן.
צום עצה-געבער קומט די שטאָט צולויפן,
ער פסקנט: — ייִדן, גיט אים נאָך אַ מכה.

דער צורר זשעברעט צו דאָס לעצטע ברעקל
פון כעלעמער צעבראָקטן שיינעם חלום
און סטראַשעט ווידער. לויפט מען צום בעל-יועץ:
— ר׳ חיים — פרעגט מען — ווו זשע איז דער שלום?

דער עצה־געבער ענטפערט: — כעלעמער, ברידער,
איך זאָל אַזוי מיט אײַך אין איינעם לעבן
ווי העלפן כ׳וויל אײַך און איך האָב נאָך עצות,
נאָר כעלעם האָט שוין מער נישט וואָס צו געבן.

דער כעלעמער הויקער

דעם כעלעמער שוסטער רעב סענדערל סנדלר
געקרוינט האָבן פּריצים — האַרבאַטש אַלעקסאַנדער.
געווען איז ער טאַקע אַ ביסל האָרבאַטע
מיט לאַנגע ידיים ביז אין דער פּיאַטע.
געשמט האָט ער אָבער — דער אמתער מײַנסטער
מיט פּריצישע קונים — אין כעלעם דער טײַערסטער.
און פלעגט אַ פּאָר שטיוול באַשטעלן אַ שׂררה —
איז ער רעב סענדערס כּפּרה געוואָרן.
מע שמועסט, אַז אַפילו דער האַר גובערנאַטאָר
פלעגט קומען בכבודו צום שוסטער האָרבאַטן...

ויהי — אַרויס איז אויף כעלעם אַ גזרה,
די בערד און פּאות זאָלן ייִדן באַשערן,
ווי דײַטשן פאַרקירצן די לאַנגע קאַפּאָטעס,
פאַרציכטן אויף אַלץ, וואָס פון דורות געבאָט איז:
אין שטאָט פון חכמים די שחיטה פאַרווערן,
באַגיין זאָלן ייִדן די האַרבסטע עברה —
אין כעלעמער הײַזער אַרײַנברענגען טריפה,
און קומען, חלילה, עס קאָן אַ מגפה.

אין כעלעם-של-מעלה האָט קהל אַ טאַטן,
אין כעלעם-של-מטה — דעם האַר גובערנאַטאָר.
מיטן אייבערשטן קומט מען אַדורך מיט אַ תּפילה.
דעם אונטערשטנס צאָרן מיט וואָס קאָן מען שטילן?

האָט כעלעם די שטאָט אַן אַסיפה גערופן
און באַלד צו דער מכּה געפונען אַ תּרופה:
פאַרזעצט האָט מען אַלץ וואָס ס'לאָזט זיך פאַרזעצן,
פאַרקויפט האָט מען אַלץ — די קאַפּאָטע די לעצטע,
אַ גאַנץ יאָר עליות מיטן אתּה-הראית —
צונויפגעשטעלט האָט מען דעם מתּן-בסתר.

און שיקן באַשלאָסן צום האַר גובערנאַטאָר
דעם כעלעמער סנדלר, דעם חכם האָרבאָטן.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט געאַרבעט דער סנדלר
און צוגעטראַכט האָט ער אַ פּלאַן ווי צו האַנדלען —
געמאַכט אַ פּאָר לאַקענע שטיוול צעשטראַלטע,
די רענדלעך ער האָט אין די שטיוול באַהאַלטן.
צום הויז מיט שטאַכעטן און גרויסע פּאַנאַרן
אַוועק איז רעב סענדער פּאַר כעלעם זיך סטאַרען.
ער גייט אין די גאַסן און ברומט זיך אַ ניגון
און ס'גייען אים נאָך אַ פּאָר כעלעמער ציגן.
אַ פויגל זעצט זיך אַוועק אויף זײַן הויקער
און זאָגט: — ויהי ערב — וועסט כאַפּן אַ בויקער.

אָט קומט ער צום הויז מיט די גרינע שטאַכעטן,
אויף מירמעלנע שטיגן ר' סענדערל קלעטערט.
די טיר האָט געעפנט איוואַן כּדרלעומר —
דעם האַר גובערנאַטאָרס משרת און שומר.
— דײַן האַר — זאָגט ר' סענדער — האָט שטיוול באַשטעלט.
ער שטעלט זיי אַוועק און אַנטלויפט פון דער שוועל.

געקומען דער סנדלר אַהיים איז צוריק
פאַרמאַכט זיך אין שטוב מיטן ווײַב, מיט דער ציג.
קוקן חכמים אַרויף — אויפן דאַך
זיצט אויפן קוימען דער פויגל און לאַכט.
וואַרטן די כעלעמער — וואָס וועט זײַן ווײַטער,
זעט מען, סע קומט כּדרלעומר צו רײַטן.
פאַרשפּאַרן חכמים געוועלבער און קראָמען;
מע פרעגט זיך — צו וואָס איז געקומען דער המן?
מע קוקט דורך שפּאַרונעס, מע ברײַעט — אַ סברא,
צו ווייניק געגנותנט האָט כעלעם דעם שׂררה.
דער פריץ צוריקגעשיקט האָט די ממתּקים
און ריכטן מען דאַרף זיך אויף ווילדע קאַזאַקן.

די שוסטערקע קוויטשעט אין גאַסן אין פוסטע —
וואָס טוט כּדרלעומר אין שטוב מיטן שוסטער?
עס רײַסן דאָס האַרץ רעב סענדערס געוואַלדן...

אַוועק איז דער המן, מען מונטערט דעם אַלטן.
ער עפנט די אויגן און ס'פרעגן חכמים:
— ר' סענדער, וואָס איז ער געקומען, דער המן?
— גאָרנישט, רבותי, דער שטיוול, דער רעכטער...
מע מעג שוין. דער שוחט — ער זאָגט — מעג שוין
שעכטן.

פרעגן חכמים:
— רעב סענדער, און פּאָרט?
זאָגט ער: — רבותי, די באָרד בלײַבט אַ באָרד.
— און דאָך? פּאַר וואָס זשע געכאַפּט האָסטו פּעטש?
— אַ פּריץ האָט פּײַנט ווען אַ שטיוועלע קוועטשט — —
פאַרענדיקט די מעשׂה רעב סענדער דער סנדלר,
וואָס הייסט בײַ די פּריצים האָרבאַטש אַלעקסאַנדער.

דיווילדע פּריצים

נישט היינט, נישט נעכטן איז געשען די מעשׂה —
די גרויע שטיינער זענען גראָ געוואָרן,
נאָר נישט פאַרגעסן האָבן די חכמים,
פון זיידנס זיידעס זיידע — אין זכרון.

אין כעלעמער געגנט איז געווען אַ פּריץ,
אַ טיפּש, אַ מטורף — גאָט זאָל היטן,
געפאָרן איז ער אין קאַרעטע ווינטער
און זומער־צייט געגליטשט זיך אין שליטן.

אויף שוואַרצע פערד אין גילדענער קאַרעטע
געפלויגן איז דער מערדער ווי אַ וויכער,
אַ פּוסגייער — און ווער איז דען געפאָרן? —
איז מיטן לעבן נישט געווען זיכער.

אַ קוטשער איז געזעסן אויף די קאָזלעס,
די שוואַרצע אָדלערס פלעגט דער שד צעטרייבן,
נישט דאָ געדאַכט, אַ טאָג איז נישט אַריבער
ער זאָל נישט ממיתן אַ זקן צי אַ ווייבל.

טאָג־איין טאָג־אויס — אום שבת, אין דער וואָכן,
פון פרי ביז נאַכט, אין שנייען, אין די היצן
אויף כעלעמער גאַסן הפקרדיק, גזלניש
אין קאָטשן פלעגן פליען ווילדע פּריצים.

געשיקט האָט כעלעם אויף די קעפּ פון פּראים
חלומות בייזע, רוחות אין די ביינער,
און גאָרנישט — גאָרנישט, די רשעים לאַכן
און כעלעמער גיסן טרערן און באַוויינען.

האָט קהל אַ מאָל גערופֿן אַן אַסיפֿה —
באַטראַכטן די רציחות נישט געמאָלטע.
דעם ווילדן פּריץ מיט זײַן פּרא-קוטשער
בײַ שוואַרצע ליכט אַ מנין האָט פֿאַרשאָלטן.

פֿאַרפֿאַסט האָט קהל דעמאָלט אַ תּקנה:
א) אויף אַלע שוועלן צוקלאַפּן פּאָדקאָוועס —
אַ סגולה קעגן ווילדע פֿערד און פּריצים
און פּריצישע צעדולטע פּאָקאָיאָוועס.

ב) ווי אין דער פֿרי מען זאָגט די מודה-אני,
אַזוי נאָך מעריב זאָל מען בענטשן גומל,
און בײַ דער שײַן פֿון קנייטל דרײַ מאָל זאָגן:
„אַז ברענען זאָל דער פּריץ ווי דער בוימל!".

ג) ועל כּולם — זאָל איעדער כעלעמער תּושב
טאָג-טעגלעך געבן צדקה מיט אַ ווערער
און קושן די מזוזה און די קינדער,
נישט טאָן קיין שפּאַן אָן תּפֿילת-הדרך.

— — — — — — — — — — — — — —

אַנטרונען זענען שוואַרצע פֿערד פֿון כעלעם
און ווילדע פּריצים פֿון די כעלעמער גאַסן,
ווײַל אָפּגעהיט האָט כעלעם די תּקנה —
אַ לויב די קלוגע כעלעמער פֿאַרפֿאַסער!

נישט געווינט

מען שמועסט אין שטאָט — דער אַלטער גייט אַ גאַנג.
— אָט-אָט — זאָגט בעלעם — קומט שוין די ישועה,
רעב משה איז שוין זינט חדשים קראַנק.
איז גאָט אַ פּאָטער — שיקט ער אַ רפואה.

דער זקן הייבט זיך אויף און קומט אין גאַס,
דער עולם שמייכלט — „ער איז נאָך אַ תּושב״.
— וואָס לויפט איר? — פרעגן שכנים אין אַ שפּאַס.
— איך לויף נישט, כ׳קריך פּאַוואָליע — זאָגט ר׳ משה.

דער אַלטער שמעקט אַ מאָל אין קלויז אַרײַן
און שטייט אָפּ אַ שמונה-עשׂרה מיט אַ מנין,
בײַ טײַבעלען אין שענק אַ גלעזל ווײַן
ער סיליעט און ער זאָגט דערויף מבינות.

ער פרעגט אַ חדר-יִנגל ווי ער הייסט
און טוט מיט וואָכער האַנט אַ קנופּ אין בעקל.
ער זאָגט צו זיך: — רעב משה, דו פאַרשטייסט?
דער בורא-עולם שענקט דיר נאָך אַ ברעקל...

די אַלטע איז פון לאַנג אויף יענער וועלט —
זײַן פוסבענקעלע — זי קוקט אַרויס מסתּמא.
רעב משה האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט
און טראַכט: אײַ-אײַ, זי רופט מיך, מײַן נחמה.

איר קול כּאילו: „דו האָסט זיך פאַרזאַמט —
געננוג שוין אָנגעזאַמלט מעשׂים-טובים.
וואָס קוועטשסטו דאָרט דאָס קאַלטע בעטגעוואַנט,
איך האָב פאַרכאַפּט פאַר דיר אַ פּלאַץ דאָ אויבן״.

— אַזוי פיל יאָרן זענען שוין פאַרביַי
זינט דו האָסט מיך פאַרלאָזן, מיַין נחמה,
און דאָך פאַרבליבן ביסטו מיר געטריַי,
אַ פּאָר געווען — איין לעבן, איין נשמה.

— נחמה — זאָגט ער און ער שטעלט זיך אָפּ —
געווען איז זי אַ שיינע פרומע כלה,
אַ קליינינקע, איך — העכער מיט אַ קאָפּ,
ווי שאול המלך — משכמו ומעלה.

צען קינדער האָט נחמה אים געשענקט,
פּונקט האַלב־אויף־האַלב —
פינעף זין און פינעף טעכטער —
נישטאָ: הריגות, הונגער, קעלט און קרענק —
געלאָזט אַליין דעם טאַטן אויף געלעכטער...

געוואָרן איז דעם אַלטן פּלוצים שלעכט
און ווידער כאַליעט ער אויף זיַין געלעגער.
די טעג ווי טעג, נאָר שווער איז אין די נעכט,
ווען אין דער פינצטער שטעלט זיך אָפּ דער זייגער.

געקומען איז דער טאָג אין אַ פאַרנאַכט —
געוואָרן איז דעם כעלעמער נאָך ערגער,
רעב משה האָט די אויגן צוגעמאַכט,
דערפילט אויף זיך די משׂא פונעם בערגל.

— דאָס איז עס — קרעכצט דער כעלעמער און קלערט —
ער איז שוין אין ממונהס פולער שליטה.
און ווידער פּרעסט דאָס שווערע בערגל ערד,
ס׳באַפאַלט דעם חכם גאָר אַ דריבנער ציטער.

— גאָטעניו, דו רופסט, ווען ס׳קומט די צײַט,
אַיעדערן זײַן צעטעלע דערלאַנגסטו.
די נאָז פאַרשפּיצט זיך און אַ ווײַבל שרײַט:
— עס האָבן אים באַגאַסן קאַלטע אַנגסטן.

— ער האָט גאָר מורא — סודעט זיך קהל.
— ס׳איז אימת-מוות — זאָגט מען מיט אַ רמז.
— ס׳אַ פּחד — רופט זיך אָפּ אַ הייזעריק קול.
— סאַראַ שרעק — צעוויינט זיך אַ חכמת.

— ער ציטערט גוט!
— עס קלאַפּן ציין און ביין.
— געוואָרן איז דער אַלטער אַלע פאַרבן!

— רעב משה, איר האָט מורא?
קרעכצט ער: — ניין,
כ׳בין פּשוט — זאָגט ער:
נישט געוווינט צו שטאַרבן.

כעלעם טרינקט לחיים

אויפן כעלעמער אַלטן בית-עלמין
איז נישטאָ ווו אַן עפּל זאָל פאַלן,
באַשליסט מען צו קויפן אַ באָדן —
אַ דורכגאַנג קיין כעלעם-של-מעלה.

געטראַכט האָט די שטאָט און געוויגן,
ס׳האָט קהל געקלערט און געמאָסטן:
דאָס פעלד דאַרף זײַן קלענער צי גרעסער
און וויפל די קרקע וועט קאָסטן.

צי דאַרף זײַן דער נײַער בית-עלמין
אַ ביסעלע נענטער צי ווײַטער —
ס׳איז גוט ווען מע שטאַרבט אין אַ מיטוואָך,
ס׳איז ביטער דעם מת אין אַ פרײַטיק.

האָט כעלעם געמאַכט אַן אַסיפה,
און קהל האָט פּה-אחד באַשלאָסן,
אַז אויסמעסטן דאַרף מען דעם באָדן
און זײַן וועט דאָס פעלד ווי געמאָסטן.

איז כעלעם אַרויס אין אַ מאָנטיק,
זיך אויסגעלייגט אַלע ווי איינער
איעדער אויף זײַן שטיקל קרקע —
זיך אויסגעגלײַכט האָט מען די ביינער.

דערזעען חכמים דעם הימל,
מע כאַפּט אַ פּאָר וואַרעמע שטראַלן —
סע שפּיגלט זיך כעלעם-של-מטה
אין שפּיגל פון כעלעם-של-מעלה..

מע שוועבט עלעהיי אין גן-עדן
באַפליגלטע ווײַסע מלאכים...
נאָר פלוצים האָט חברה-קדישא
דעם כעלעמער שפּיגל צעבראָכן.

אַרײַנגעזעצט האָט מען פיר פלאָקנס,
פאַרגרויזט דעם בית-עלמין דעם נײַעם,
געבראַכט האָט מען בייגל און משקה
און קהל האָט געטרונקען לחיים.

און ווידער געמאַכט אַן אַסיפה —
דאָס פעלד דאַרף זײַן נענטער צי ווײַטער?
ס'אַ גליק ווען מע שטאַרבט אין אַ מיטוואָך
און ביטער דעם מת אין אַ פרײַטיק.

ווײַל מיטוואָך — נישט וואַזשנע דער מהלך,
נאָר פרײַטיק מוז כעלעם זיך אײַלן.
דרײַ טעג האָט זיך קהל געיִישובט
און איז אויף אַן עצה געפאַלן:

„צוויי וועגן וועט פלאַסטערן כעלעם:
אויף אַלע טעג — איינעם אַ לאַנגן,
אויף פרײַטיק — אַ צווייטן, אַ קורצן
צום פעלד מיט דער האַנט צו דערלאַנגען".

געוועזן איז דאָס פעלד ווי געמאָסטן,
געפירט צום בית-עלמין צוויי וועגן —
פאַרענדיקט האָט כעלעם דאָס עסק
און אָפּגעקאָסט ס'האָט אַ פאַרמעגן.

אין פנקס אַזוי איז פֿאַרשריבן:
„כ׳ אלול... ק״ק כעלעם דפולין.
פון היינט אָן נישטאָ מער קיין ערטער
אויפן כעלעמער אַלטן בית-עולם.

און קיינעם מע וועט דאָרט נישט לייגן —
ס׳מעג קומען אַפילו דער קייסער,
און זאָלן די כעלעמער ביינער
דערלעבן צו תּחית-המתים״.

כּך הוה — געגרייט האָט זיך כעלעם
דעם נייעם בית-עלמין באַנייען,
געוואַרט אויפן ערשטן מת טהור,
ביז עפּעס — געטרונקען לחיים.

דער נײַער בית-עלמין

— ווער זײַן וועט דער ערשטער? — האָט כּעלעם געפרעגט.
די שטאָט — גרויס און קליין — איז אַ פּחד באַפאַלן;
אויפן פּוסטן און וויסטן נאָך הייליקן אָרט
דער ערשטער, אַליין — מען דאַרף זײַן אַ בעלן.

מע שטאַרבט נישט — די כּעלעמער האַלטן זיך אײַן
פון זיפצן און קרעכצן און שוואַרצע מחשבות.
אַ שׂימחה אין שטאָט — מע לעבט און מע לאַכט —
פאַרטריבן האָט כּעלעם דעם מלאך-המוות.

דער עולם געדענקט נישט דעם טאָג און דאָס יאָר
ווען כּעלעם געהאַט האָט די לעצטע לוויה...
סע זינגען די פייגל, סע זשומעט אַ בין,
סע פּאַשען זיך ציגן אויפן פעלד אויפן נײַעם.

דערציטערט געוואָרן איז קהל אין אַ טאָג —
געשטאָרבן איז פּלוצים דער אַלטער אלישע.
איצט קאָן מען באַנײַען דאָס הייליקע אָרט —
באַשלאָסן האָט כּעלעמער חברה-קדישא.

— ווו וועט מען אים לייגן? — האָט כּעלעם געפרעגט.
— אויפן נײַעם בית-עלמין, פּונקט אין דער מיטן...
נאָר פּוסט איז דאָס פעלד און וויסט דער אָרום —
רחמנא ליצלן — אינעם סמך-ממס שליטה.

— אויף אַ נײַעם בית-עולם — דער ערשטער, אַליין?
און „לא" האָט געזאָגט רעב אלישעס משפּחה.
נישט מסכּים געווען וואָלט אַפילו דער מת,
ווען פרעגן מען זאָל אים, דעם כּעלעמער חכם.

שוין אויסגעגאַן זענען צוקאָפּנס די ליכט,
געזאָגט האָט מען עטלעכע מאָל גאַנץ תּהילים,
דער בר-מינן ליגט — נישט אַהער, נישט אַהין —
סע קאָכט ווי אַ קעסל, סע זידט די קהילה.

די כעלעמער חכמים צופּן די בערד,
די ציגן אין שטאָט איז אַ פּחד באַפאַלן —
דער גבאי אין גאַס לויפט אַרום אָן אַ קאָפּ,
דער שמש טראָגט נאָר אין אַ קאַשיק די שאלה.

די חברה קדישא טומלט און ברומט:
— איצט מוז מען דעם נייַעם בית-עלמין באַנייַען!
מען האַלט שוין דעם מת אָט באַלד אַ מעת-לעת —
איז קהל אַוועק צום כעלעמער דיין.

דער כעלעמער דיין האָט זיך פאַרטראַכט,
ער שעפּטשעט און שאַמקעט: — אלישע הייסט שמעיה...
אויפן נייַעם בית-עלמין — זאָגט מען — צום ערשט
דאַרף מען באַגראָבן דעם „יש מאין”.

און אָפּנאָרן וועט דעם נישטגוטן די שטאָט,
מיט חכמה די פּוסטעניש וועט מען באַהערשן.
פאַרשטאַנען האָט חברה-קדישא דעם מיין —
צוויי דריקלער געבראַכט פאַרן ניפטר „דעם ערשטן”.

מיטן קירצערן וועג האָט די לוויה געאײַלט,
געלאָפן איז כעלעם די שטאָט נאָך דער מיטה,
מיט בלעכענע פּושקעס האָט עולם געקלאַפּט
און אויסגעדרייט האָט מען קאַפּויער אַלע היטלען.

ווײַל טאָמער דערוווּסט זיך, חלילה, דער שד,
וועט ער שוין, זײַט מוחל, רעדן צום דאַשיק —
ס׳האָט בעלעמער קהל אַלץ באַטראַכט און באַקלערט,
די זאַך האָט מען אָפּגעטאָן אײַלנדיק, רעשיק.

אין טלית צעריסענעם שמות אַ זאַק,
צוקאָפּנס — אַן אַלטע געלעבערטע טאָרבע,
באַערדיקט האָט בעלעם דעם חשובן מת
וואָס האָט נישט געלעבט און איז נעבער געשטאָרבן...

ס׳שטייט אין דער מיט פון בית-עלמין אַ צאָם
צווישן די קברים פון בעלעמער גאונים,
און אויסגעקריצט איז אויפן פשוטן שטיין:

פּ. נ.

איש חכם

פלוני אלמוני

— — — — — — — — — — — — — —

דער נײַער בית-עלמין געוואָרן איז אַלט
און ווידער וויכּוחים פירן זיך שאַרפע;
אַ נײַעם בית-עולם האָט בעלעם פאַרטראַכט —
אַ באָדן צו קויפן אויף נישט צו באַדאַרפן.

סע פעלט אַ קלעפּקע

ניִשט דאָ געדאַכט, נישט היינט געדאַכט —
אין כעלעם איז געווען אַ שׂרפה.
פאַרברענט געוואָרן אַלע פעסער —
פאַרבליבן נאָר צעקרומטע רייפן.

נאָר דאַנקען גאָט — פאַראַן חכמים
און כעלעם צוטראַכטן וועט עפּעס:
מ׳עט האַקן וואַלד און זעגן ברעטער
און הובלעווען דערנאָך די קלעפּקעס.

און רייפן וועט מען אויך געפינען,
קיין דאגה נישט — מ׳עט קריגן ניטן,
און לופט? — פאַראַן גענוג אין כעלעם —
אַ פאַס דאַרף האָבן לופט אין מיטן.

וועט כעלעם האַקן, זעגן, טעסען,
מיט האַמערס אויף נאַבויקעס קלאַפּן,
אויף קלעפּקעס אָנציִען די רייפן
און פאַרטיק — בויער נאָר דעם צאַפּן.

אַבי געזונט, אַבי בטחון —
וועט כעלעם מאַכן יענע פעסער:
סיי קליינע, קלענערע, נאָך קלענער,
סיי גרויסע, גרעסערע, נאָך גרעסער.

אַ פאַס פאַר קרויט, אַ פאַס פאַר הערינג,
פאַר באָרשט און ברויט- און עפּל-קוואַסן,
פאַר וויין און שיין אין כעלעמער הייזער,
און פעסער אויף צו פירן וואַסער.



און אָנפּילן מע וועט די כּלים
מיט-מיט, מיט-מיט פון כּל-המינים,
און אָנגיסן מע וועט די פּעסער
מיט פרייד און שפּיל, מיט ברויז און פּינע.

פאַרקאַטשען כּעלעמער די אַרבל —
סע קאָכט, סע זידט, מע טאַנצט, מען האַפּקעט,
צונויפגעצויגן טויזנט פּעסער,
צום לעצטן פּאַס סע פעלט אַ קלעפּקע.

האָט קהל גערופן אַן אַסיפה,
געדרייט די פּעסער און געקייַקלט
דרייַ טעג, דרייַ נעכט —
אין אַ פרימאָרגן
דעם ענין „קלעפּקע" פאַרסך-הכּלט:

„זעט אויס, אַן איבעריקע קלעפּקע
האָט מען אין אייַלעניש פאַרגעסן,
דעריבער דאַרף דער עולם זוכן
און איבערשיטן אַלע פּעסער"...

אַ קלעפּקע פון אַ פאַרטיק פּעסל
מע נעמט אַרויס, מע שטעלט עס איבער.
און נאָך אַ מאָל די זעלבע מעשׂה —
דאָס קאַליע פּעסל איז פאַרבליבן.

צעשיט מען נאָך אַן אַנדער פּעסל,
די קלעפּקע פּאַסט מען צו צום דריטן.
און ווידער שטייט אַ קאַליע כּלי,
און גאַרנישט האָט זיך נישט געביטן.

צעשאָטן האָט מען אַלע פעסער,
באַנייַס געפּאַסט, געקלאַפּט, געצויגן.
צום סוף דערזעען די חכמים —
דאָס קאַליע פאַס שטייט פאַר די אויגן —

סע פעלט אַ קלעפּקע!

האָט קהל גערופן אַן אַסיפה —
סע שטייט דאָס פעסל ווי אַן עדות,
אַרום דעם פגם חכמים טומלען
און האַלטן פייַערדיקע רעדעס.

מע פאָרשט — מע זוכט די לעצטע קלעפּקע:
איין דרשה — גוט, די צווייטע בעסער —
און אָנגעפילט האָט מען מיט רעדעס
נייַן הונדערט נייַן און נייַנציק פעסער.

די חרוסת-פֿאַבריק

געקומען איז קיין כעלעם אַן אָדעסער,
געעפֿנט אַ פֿאַבריקל פֿון חרוסת,
זוכט ער שותּפֿים צו דעם גוטן עסק —
אַ מודעה שרײַבט מיט גרויסע אותיות:
„איבערדרייען קאָן איעדער ס׳רעדל —
ייִדן, פּרוּווט דאָס מזל פֿאַר אַ גילדן!״
און געלאָפֿן זענען די חכמים
צום פֿאַבריקל מיט די גרויסע שילדן
און געטראָגן האָט מען די מטבעות,
גלײַך באַקומען האָט מען אַ קבלה —
אם-ירצה-השם נאָך פּסח זיבן וואָכן
מיט די שותּפֿים וועט מען זיך צעצאָלן.
וועגן ריווח — איבעריק צו שמועסן,
נישט אומזיסט קיין כעלעם אַזש פֿאַרפֿאָרן —
בײַ די ציצית שווערט זיך דער אָדעסער,
אַז דער קרן מיטן ריווח איז באַוואָרנט.
ווײַל עס איז דאָס איינציקע פֿאַבריקל
צווישן שוואַרצן ים און ים דעם ווײַסן,
און געוויזן האָט דער ייִד אַן הכשר
פֿונעם ווילנער און דעם רב פֿון רײַסן.

דרייען זיך אויף כעלעמער די היטלען,
אונטער היטלען דרייען זיך די טרוימען,
אין פֿאַבריקל דרייען זיך די רעדער
און סע זעצט אַ שוואַרצער רויך פֿון קוימען —
דאָס פֿאַבריקל לאָזט אַרויס חרוסת,
פּאַקעוועט אין פֿערטעלעך און אַכטלען
און צעשיקט אין אַלע שטעט און שטעטלעך
גאַנצע קאַסטנס, פּעקלעך און שאַכטלען.

כּעלעם האָט געפּראַוועט יענעם סדר
מיט חרוסת ברוינעם, געלן, גרינעם...
חול-המועד זענען גרויסע שילדן
מיטן גרויסן פאַבריקאַנט אַנטרונען.

האָט גערופן קהל אַן אַסיפה —
און געטרייסט זיך האָבן די חכמים:
אָנגעווירן קהל האָט די גילדנס —
צרות-רבים איז חצי-נחמה...

נאָר צוריק גערעדט האָט כּעלעם גאָר געווינען —
אויפשטעלן די שטאָט וועט דאָס פאַבריקל,
גראַגערס, דריידלער וועט מען פּראָדוצירן,
דאָס געשעפט פאַרברייטערן, צעוויקלען.

דער אָדעסער איז אַ שוטה — זעט מען,
און, זעט אויס, דעם ייִדן פעלט אַ קלעפּקע —
ווער אַ שטייגער קאָן פאַרלאָזן כּעלעם,
איבערלאָזן אַ געשעפט אויף הפקר? — — —

— — — — — — — — — — — — — —

דרייען זיך אויף כּעלעמער די היטלען,
אונטער היטלען דרייען זיך די טרוימען,
די חכמים טראָגן צום פאַבריקל
גילדנס
און פאַרשרייַבן אויפן קוימען.

אַ מעשׂה מיט אַ נאַר

געווען אַזאַ ציַיט איז אין כעלעם —
מען האָט זיך געבאָדן אין געלט,
און אַלץ האָט געקלעקט פאַר אַיעדן,
אַ קלייניקייט האָט נאַר געפעלט —
אַ קאַפּעלע נאַרישע תּמימות
אין רעש פון געיעג און געוועט
אויף וועגן — סכּנת־נפשות —
וואָס פירן אַראָפּ פונעם וועג.

געווען איז מען זאַט פון דער חכמה
און איבערגעזעטיקט — דערפאַר
האָט כעלעם צעשיקט משולחים
זיי אָפּזוכן זאָלן אַ נאַר,
און קהל וועט דעם שוטה פאַרזאָרגן
מיט אַלץ — אַ טיש און אַ דאַך...
האָט איינער אַ כעלעמער שליח
געפונען אַ נאַר און געבראַכט.

און אַלץ איז געגאַנגען כּשורה —
דער נאַר האָט געלעבט און געלאַכט,
געדאַוונט, געגענעצט, געשלאָפן,
נאָר פּלוצים האָט ער זיך באַטראַכט —
געעפנט אַ טיר אויפן מאַרקפּלאַץ
און צוגעקלאַפּט האָט ער אַ שילד:
„פאַרמיטלונג — מאַיאָנטקעס און היַיזער,
געשעפטן און אַלץ וואָס איר ווילט".

האָט קהל אַן אַסיפה גערופן —
מע צאַקעט מיט צינגער, מע צוקט:
— איַי-איַי, ווי איז כעלעמער חכמה,
ווי האָט מען דעם טיפּש פאַרקוקט?
— נישט אַלץ איז אין כעלעם בסדר
און אָט איז דער ביטערער שׂכר —
אַ נאַר איז געקומען קיין כעלעם
און תּיכף געוואָרן אויס נאַר.

דריַי טעג האָט דער עולם געזאָטן,
געקאָכט האָט זיך קהל דריַי נעכט
— צי קאָן מען דאָס עסק פאַרבאָטן?
די שטאָט האָט דערויף נישט קיין רעכט.
— מ'עט ליַידן אַ פינצטערע בושה.
— נאַר דאָס האָט אין כעלעם געפעלט:
אַ נאַר מיט אַ שילד אויפן מאַרקפּלאַץ —
וואָס זאָגן דערויף וועט די וועלט?

געשיקט האָט מען רופן דעם שוטה,
געטרייבערט, געפאַרשט און געדראָט:
— ווי קומט עס אַ נאַר זאָל פאַרציכטן
אויף חשובן מעמד אין שטאָט?
— רבותי, — ער זאָגט — כ'בין אַ חכם
און דאָ ערשט דערוווּסט זיך דערפון —
מיַין טאַטע געשטאַמט האָט פון כעלעם
און איך בין מיַין טאַטנס אַ זון.

דער פּרעסער הגדול

אין בעלעם איז טאַקע די מעשׂה געשען.
געלעבט האָט דער אַלטער ר׳ שמערל דער פרעסער,
אַ נישט אַבי-וואָס, און נישט אַבי-ווער —
אין מאַרק נישט געגעסן ער האָט בפרהסיא.

אַ שטריימל פלעגט טראָגן דער זיידענער ייִד
סײַ ווינטער אין פרעסט, סײַ זומער אין היצן,
און ווו נאָר אַ שׂימחה אין בעלעם דער שטאָט
בײַם טיש פלעגט ר׳ שמערל בהרחבותדיק זיצן.

דערלאַנגען מע פלעגט אים די גילדענע יויך,
דאָס פערטעלע עוף און די פּאָרציע מאַייִנע,
און אויסטרינקען פלעגט ער זײַן בעבערל ווײַן,
און שטילינקערהייט פלעגט ר׳ שמערל אַנטרינען.

און ס׳איז זיך מיישב אַן אַנדער פּאַרשוין —
אַ בעלעמער קריכער, אַ סתּם נישט פּאַרגינער,
ער קומט אומגעבעטן אויף שׂימחות און זיצט
אַנטקעגן ר׳ שמערלען און שלינגט אויך מאַייִנע.

— אַ חוצפּה! — געררודערט האָט עולם אין שטאָט.
— אַ שווינדלער — געזאָגט האָבן די מחותּנים.
אין שטיבלעך און קלויזן האָט זיך געקאָכט:
— אַ זולל וסובא!
— אַזאַ עזות-פּנים!

„רעב גאָדעלע פרעסער — האָט עמעץ געשפּעט —
פאַרמאָגט נישט אַפילו קיין לײַטישן אויסזען:
אַ גרינע קאַפּאָטע, אַ ציגענע באָרד,
צעקראָכענע שיך און צעטרעפּקעטע הויזן״.

און קהל האָט דעם חוצפּהניק שיִער נישט פאַרשטיינט.
דער ייִד טוט זיך זייַנס, כאַטש האַק אים און בראָק אים —
פאַרפעלט נישט קיין שׂימחה און זיצט אויבנאָן,
און פּרוּווט אים זאַטשעפּען — איז קולות וברקים...

צום כעלעמער רב איז ר׳ שמערל אַוועק
אין סויבלענעם שטרײַמל און שניי-ווײַסע זאָקן,
רעב גאָדעלע פּרעסער פאַרקלאָגט ער צום רב,
אַז מסיג-גבול איז ער און שפּעט פון חזקה.

ר׳ גאָדל איז אויך נישט פון אונטערן פּלויט —
ער מאָנט אינעם זכות פונעם טאַטן און זיידן.
אַ זעלטענע געמבע באַשערט האָט אים גאָט —
זאָגט ער אַליין בפני קהל ועדה...

האָט כעלעם גערעכנט, געטראַכט און געקלערט
און טאַקע — מען איז אויף אַן עצה געפאַלן:
פאַרבעטן אויף שׂימחות סײַ יענעם, סײַ דעם —
פון איין זײַט דער חתן, פון צווייטער די כּלה.

און יעדער באַקומען וועט וואָס אים געהער,
זאָל איינער דעם צווייטן אין גאָרגל נישט קריכן.
האָט קהל פּה-אחד באַשטעטיקט דעם פּסק
און ס׳הענגען מודעות אין כעלעמער קיכן:

„פון איצטער פאַראַנען צוויי פּרעסערס אין שטאָט —
דער פּרעסער הקטן און פּרעסער הגדול —
ר׳ שמערל אויף שׂימחות פאַרטרעט חתנס-צד
און כּלהס-צד זײַן וועט דער פּרעסער ר׳ גאָדל״.

דער קאַפּמענטש

געווען איז אין כעלעם אַ זעלטענער חכם —
אַ ייִד מיט אַ ריח — ר׳ אַלטערל לאהצעס.
אין גאַס און אין מאַרק פלעגן כעלעמער זאָגן:
— או-וואַ, דער ייִד האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

— דער פאַרך איז אַ קאַפּמענטש!
סע געדענקען נאָך זקנים
אַ מעשה וואָס האָט זיך אין כעלעם פאַרלאָפן:
אַ מאָל איז צווישן דעם רב און דעם דיין
אַ שוואַרצע קאַץ אַדורכגעלאָפן.

געהאַנדלט עס האָט זיך וועגן אַן הכשר —
דער רב האָט געפּשרט, דער דיין געאַסרט —
געווען איז עס יין כּשר לפּסח
צי שמן למהדרין און ס׳קאָן זײַן, אַז בשׂר.

אַ לאַנגסטיקע מעשה — ווער קאָן זיך דערמאָנען?
נאָר כעלעם געדענקט נאָך ווי דורך אַ חלום:
געווען איז אַ רוגז — סכּנת-נפשות —
דער קאַפּמענטש אַרײַנגעלייגט האָט זיך אין שלום.

געגאַן איז ער פריִער צום מרא-דאתרא,
דערנאָך איז דער חכם געגאַנגען צום דיין
און גאַרנישט געפּועלט סײַ בײַ דעם סײַ בײַ יענעם
און ס׳ציט זיך דער קעצענער ברוגז עד-היום.

אַז איינער זאָגט יאָ, איז דער צווייטער נישט מסכּים —
נישט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, דברים בעלמא,
איעדער באַווײַזט און דערווײַזט כּהלכה
און ביידע, פאַרשטייט זיך, גערעכט זענען פּאַלנע.

אַז איינער זאָגט: — זע! מאַכט דער אַנדערער: קוק!
דער רב קוקט קיין ליטע, דער דיין — קיין פּוילן.
ווײל כּעלעם פֿאַרשטיין און קאָן נישט פֿאַרשטיין,
אָוועקגעמאַכט האָט מיט דער האַנט שוין דער עולם.

נאָר דער כּעלעמער קאָמפּמענטש איז זיך נישט מייאש —
ער טאָפּטשעט די שטעג צווישן איינעם און צווייטן.
— נו? — פֿרעגן בטלנים.
— עט? — ענטפֿערט דער בורר
און גייט עפּעס פֿאַרשן אין מאַרק, אין די קלייטן.

דער ייִד האָט אַוועקגעלייגט אַלע געשעפֿטן,
אַ קלייניקייט — ברענגען דעם שלום קיין כּעלעם!
מניה-ביה איז רעב אַלטערל געוואָרן אַ מומחה
און קהל איז מזכּה מיט כּבוד זײַן שטעלע.

נישטאָ הײַנט אין כּעלעם קיין גרעסערער חכם
וואָס פֿירט אויס אַ שליחות
און גרויס איז זײַן פֿירעכץ,
כאָטש אונטערן היטל באַהאַלט ער אַ שמאַטע
און אונטער דער שמאַטע אַ דומפּיקע שמירעכץ.

— וואָס הערט זיך? — פֿרעגט ווידער דער כּעלעמער עולם.
— נו, עט — זאָגט מיט האַנאָר ר׳ אַלטערל לאהצעס —
זיי מאַכן זיך נאַריש
אַרויפֿזעצן כ׳קאָן נישט
מײַן לויטערן קאָפּ אויף זייערע פּלייצעס.

דער כעלעמער בעל-עגלה

אַז כעלעמער חכמה האָט נישט קיין גרענעץ,
און כעלעמער פּיקחות — דאַרף מען נישט זאָגן.
ס'דאַכט זיך, אַ פּשוטער ענין — פאַרשוינעז,
און אײַנשפּאַנען פּשוט די פערד אינעם וואָגן.

— פּשוט? — אַוודאי! — צי איז עס אַן ענטפער?
לאָמיר דעם ענין באַטראַכטן פּאַוואָליע,
נאָר גלײַכער פון אַלץ, לאָמיר פרעגן אַ מומחה,
איך מיין דעם באַרימטן ר' בער בעל-עגלה.

— אַ וואָגן? — פאַרטראַכט זיך ר' בער און ער דבר'ט —
אַ דישל, אַ לישנע, צוויי אַקסן, פיר רעדער,
מע שמירט און מע פאָרט, מע פירט די פאַרשוינעז
אַהין און צוריק, און מע קומט אָן בלי נדר.

אַ פערד איז אַ פערד — נישטאָ וואָס צו שמועסן,
פון פאָרנט דער קאָפּ, פון אונטן — דער הינטן.
ס'טרעפט זיך — אַ בהמה איז דאָך נישט קיין מלאך —
פאַרלירט זי און טוט מיטן אויג נישט קיין פינטל.

צעבר'עכט זיך חלילה אַן אַקס צי אַ רעדל,
די בהמה — זי מאַכט זיך מן הסתם, תּמעוואַטע,
לאָזט אונטער אַ ריח — זי האָט די פאַרשוינעז
אין אונטערשטער, לינקער געקאָוועטער פּיאַטע.

פאָרט מען אין וואָגן מיט פּראָסטע פאַרשוינעז —
חסידים און שליחים מיט מאָגערע בײַטלען,
פאַרשטעקט מען, זײַט מוחל, די נאָז מיט צוויי פינגער,
אַ שמיץ מיט דער בײַטש און היידאַ — פאָר ווײַטער.

און ווי איז דער דין, אַז מען פּאָרט מיט אַ חשוב?
צי ווייסט אַ בהמה פון מידות און כּבוד?
אין גרויסן של-ראש זי פּאַרמאָגט אַ קליין מוחל,
און שׂכל — נישט מער ווי גאָלד אין פּאַדקאָווע.

— — — — — — — — — — — —

געהאַט האָט רעב בער בעל-עגלה די זכיה
צו פירן אַ מאָל אין זײַן וואָגן דעם רבין.
מבייש זײַן קאָנען די בהמות דעם אַלטן —
האָט זיך דער חכם אַן עצה געגעבן.

באַטראַכט האָט רעב בער זײַנע פערד און דעם וואָגן —
אַ נײַעם מין שפּאַן האָט דער חכם דערפינדן:
אויף אַקסן ער איבערגעשטעלט האָט די רעדער —
די הינטערשטע פּאָרנט, די פעדערשטע הינטן.

און אײַנגעשפּאַנט האָט ער די פערד אינעם וואָגן —
די קעפּ צו דעם רבין, די הינטנס אויף פּאָרנט,
גענומען די בײַטש און אַרויף אויף די קאָזלעס —
אַזוי איז רעב בער מיט אַ חשוב געפאָרן...

דער וואָגן, מע זאָגט, אויפן אָרט איז געשטאַנען —
דער וועג האָט זיך אונטער די רעדער געגליטשט,
רעב בער איז געפאָרן — געקומען בשלום,
אַ סימן — די מעשה דערציילט גאַנץ באַרדיטשעוו.

אַ קרײַז אויפֿן וואַסער

ר׳ זאַלקע מלמד — דער בעלעמער חריף — איז קראַנק,
פֿון ווינקל צו ווינקל וואַנדערן זײַנע מחשבות,
אַט בלעטערן זיך די ספֿרים אין גלעזערנעם שראַנק —
מיט אויגן פֿאַרמאַכטע ער לייענט אַ בלאַט פּרקי-אָבֿות.

— איזהו גיבור? — אַ לעבן אַדורכגעלעבט
און יומם ולילה געלערנט און אָפּגעשפּאָרט מיצוות,
נאָר אַנדערע האָבן געאַקערט, געזייט און געוועבט —
איז אפֿשר דער אמתער גיבור דער קאָוואַל ר׳ איצע?

— איזהו חכם? — דער ענטפֿער איז פּשוט און קלאָר —
נאָר ער — צי געזען האָט ער דאָס וואָס געווען איז פֿאַרבאָרגן?
אַט ליגט ער צו בעט און פֿילט נישט די בלײַענע באָרד,
ער ווייסט נישט, דער חכם, צי וועט ער דערלעבן ביז מאָרגן.

און וואָס איז ער איצט? אַ פֿאַרזשאַווערטע אַקס צי אַ ראָד
וואָס ליגן באַזונדער און קאָנען פֿונעם אָרט זיך נישט רירן?
צי ווייסן חכמים, די תּושבֿים פֿון בעלעם דער שטאָט,
אַז אַקסן אָן רעדער קאָנען אין ערגעץ נישט פֿירן?

און רעדער אָן אַקסן? דאָס זעלבע — דער בעלעמער טראַכט —
זיי טויגן אַוודאי אויף תּשעים און נײַנציק כּפּרות.
דערפֿאַר טאַקע טראָגן די אַקסן אויף אַקסלען די מאַכט,
כאָטש אונטערוועגנס זענען די רעדער אויף צרות.

די טיר טוט אַ ציטער און עפֿנט זיך אויף מיט אַ סקריפּ —
ס׳דערשײַנט אויף דער שוועל ר׳ איצע, דער בעלעמער קאָוואַל,
אַ הויכער, ברייטבייניקער גראָער, פֿאַררויכערטער ייִד —
דער גיבור אין שטעטל, הנקרא רעב איצע פּאָדקאָווע.

אַרײַן מבקד-חולה זײַן איז ער, דער בעלעמער גבר —
געלייענט פון דער ווײַטנס האָט ער ר׳ זאַלקעס געדאַנקען
וועגן אַקס און רעדער, וואָס מאַכן דעם חכם צום נאַר,
ער זעצט זיך אַוועק און רוקט צו דעם אויער צום קראַנקן.

— דערמאָנסטו זיך, איצע, — הייבט אָן דער חריף און זאָגט —
מיר האָבן געלערנט צוזאַמען בײַם רבין אין חדר.
איך האָב זיך געפּעדערט, נאָך מיצוות האָב איך זיך געיאָגט
און דו פלעגסט זיך דרייען אין מאַרק צווישן די רעדער.

מיר זענען געוואַקסן — איעדער זײַן וועג האָט געפונען:
געוואָרן בין איך אַ מלמד, דו — איצע דער קאָוואַל.
אויף קינדערישע הערצער געוועזן בין איך אַ ממונה
און דו ביסט געוואָרן אַ מומחה אין מעשׂה מרכּבה.

דערקלער זשע מיר, איצע, וואָס מיינט עס אָן אַקס אָן אַ ראָד?
פאַרטײַטש מיר דעם ענין פון עלנטע רעדער אָן אַקסן.
מיר האָבן געפּטרט די יאָרן אין בעלעם דער שטאָט —
אָט-אָט קומט דער סוף צו דער מעשׂה — איז ווו מוסר-השׂכּל?

— הער, חכם דו איינער, — זאָגט איצע — סאַראַ פאַרגלײַכן?
ס׳איז בעלעם די שטאָט נישט קיין וואָגן און קהל נישט קיין רעדער.
די וועלט שטייט אויף וואַסער, איז בעלעם מסתּמא אַ טײַכל
וואָס קילע און לויטערע קוואַלן עס נערן כּסדר.

און מיר זענען שיפעלער — שווימען צום אָפענעם ים
און גיסן צונויף זיך מיט בלאָ פון הייכן און טיפן.
פאַרגייט אונדזער דור — אַ רינגעלע נאָך אינעם שטאָם,
אַ קרײַז אויפן וואַסער — אונטערגעגאַן איז דאָס שיפל.

עולים און יורדים

„והנה מלאכים עולים ויורדים"
(בראשית, ויצא)

— אַ ייִד אויף דער ערד איז נישט מער ווי אַ מלאך —
געזאָגט האָט דער כעלעמער בלעכער רעב עליע —
אַפילו מלאכים געווען זענען יורדים,
מכּל-שכּן היינט אינעם זינדיקן כעלעם.

און אַלץ וואָס סע טוט זיך אין כעלעם-של-מטה
ווערט איבערגעחזרט אין כעלעם-של-מעלה —
אויך דאָרטן דער גיהנום מסתמא שטייט העכער,
די ווערט פון גן-עדן פּאַפּירן — געפאַלן.

די זעלבע חולאתן, די זעלבע ממתקים —
ס'איז אויבן נישט הייסער, נישט קילער, נישט שטילער,
אויך פאַראַן דאָרטן שוויגערס, פאַראַנען אויך קנאַקערס
און אַנזעצערס שענערע, זאָגט מען, אַפילו.

— נאָר וואָס? — זאָגט ר' עליע — פאַראַנען אַ קשיא:
אַזוי ווי דער לייטער פאַרמאָגט נאָר צוויי עקן —
איז איינער אין הימל, דער צווייטער אין כעלעם —
פאַר וואָס און פאַר וועמען באַדאַרף מען זיך שרעקן?

מען איז עולה-רגל, דערנאָך — יורדי-דומה,
מע גיט אָפּ דאָס קנייטל ווער פריִער, ווער שפּעטער —
פון כעלעם אין הימל, פון הימל קיין כעלעם,
אַראָפּ און אַרויף פירט דער איינציקער לייטער.

פאַרשטייט זיך, ווען ס'רעגנט, קאַפּעט פון אויבן,
און גוט איז אַוודאי אויב ס'האָגלט מיט רענדלעך,
נאָר גלייכער געווען וואָלט ס'זאָלן קומען מלאכים
מיט האַק-און-פּאַק, מיט קענדלער און פענדלעך.

ווען ס׳בליצט און סע דונערט — ס׳גיסט פון צעבערס,
פאַרשפּאָרן מלאכים צו עפּענען שירעמס,
און העכער די כמאַרעס זיי כאַפּן די שטערן
און כעלעם גענניסט פון זייער רו און עשירות;

סע זענען צוויי כעלעמס געקנופּט און געבונדן.
און אויב ס׳וועלן אומקומען כעלעמער ציגן —
חלילה אַ צרה, אַ מבול, אַ שׂרפה —
סע קאָנען מלאכים פאַרלירן די פליגל.

און אויב מען זאָל רופן אַ גרויסע אַסיפה
פון כעלעם-של-מעלה און כעלעם-של-מטה,
דערזען וועט מען — אַלע, סײַ אונטן, סײַ אויבן —
זיי טראָגן די זעלביקע כעלעמער לאַטע.

און וואָס וועט מען רעדן? — אַזוי וועט מען זאָגן:
פון תּמיד געוועז זענען עולים און יורדים,
סײַ אויבן, סײַ אונטן — דער זעלביקער כעלעם
מיט כעלעמער עמק און כעלעמער לאָרדן.

איין כעלעם דעם צווייטן וועט בענטשן און ווינטשן:
אַז גאָט וועט נאָר הייסן און קהל וועט וועלן,
וועט שטיין, ווי געשטאַנען, דער כעלעמער לייטער —
איין עק אין די וואָלקנס, דער צווייטער אין כעלעם.

און זײַנען וועלן עולים, און זײַנען וועלן יורדים —
צי קאָן מען זײַן אַנדערש ווי יעקבס מלאכים?
דער עיקר, צוקאָפּנס אַ שטיין און אַ חלום —
געזאָגט האָט רעב עליע דער כעלעמער חכם.

דער כעלעמער באַרג

מסתּמא געהערט האָט איר וועגן דעם באַרג
וואָס כעלעם די שטאָט האָט צו אויגן פאַרגליכן,
ווײַל אויבן האָט שטענדיק אַ חכם געוואַכט,
חלילה, מען זאָל נישט פאַרקוקן משיחן.

געוועזן איז דער שומר צעבראָכן און בלייך
און אויסגעקוקט האָט ער זיך נעבעך די אויגן.
געוואַקסן דערווײַל איז די שטאָט אין דער הייך,
דער כעלעמער באַרג — צו דער ערד זיך געבויגן.

משמעות, דער באַרג איז געוואַקסן צוריק,
אַט-אַט וועט פאַרשווינדן זײַן קאָפּ אין די אַקסלען —
מען זעט שוין קוים אָן די פּאַפּירענע בריק,
וווּ נאָסע הושענות און בערעלעך וואַקסן.

אַ מנין דאָס נײַעס האָט אונטערגעכאַפּט,
די בשׂורה צעלייגט און צעטראָגן אויף טעלער,
און ס׳האָבן חכמים דעם עיקר דערטאַפּט:
— דער כעלעמער באַרג האָט געקראָגן אַ פּעלער.

חכמים צום באַרגשפּיץ פאַררײַסן די בערד —
— דער באַרג האַלט אין זינקען!
— סע זינקען די בערג.
— ס׳איז עפּעס אַ רמז.
— אַ רמז אויף עפּעס!
— משיח דאַרף קומען.
— צי וועט מען דערזען?
— אַז וווּ נאָר אַ צרה — די כעלעמער טרעפט עס.

די זאָרג ווערט אַלץ ברייטער,
די דאגה — נאָך טיפער.

מע ציילט און מע רעכנט, מע טראַכט און מע קלערט
און טאַקע גערופֿן די גרויסע אַסיפֿה.

געזוכט האָט מען עצות — געקראַצט זיך דעם קאַרק.
געפֿאַלן איז עמעצער דאָך אויפֿן זכר:
— אַ טיש מיט אַ בענקל שטעלט אויף אויפֿן באַרג
און שטיין וועט דער וועכטער אַ קאַפּעלע העכער.

— אַ סלופּ זאָל מען אויפֿשטעלן פּונקט אויפֿן שפּיץ.
— אַ נעסט — ווי אַ פֿויגל דער שומר וועט זיצן.
— אַ שירעם פֿאַרזאָרגן — פֿון רעגן און היץ.
— אַ דעכל וועט בעסער דעם שומר באַשיצן...

און זאַמד האָט מען טראָגן צום באַרגשפּיץ געוואָלט.
— דאָס מיסט באַרג-אַרויף זאָלן כעלעמער טאַסקען.
דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט זיך כעלעם געקהלט
און גרינטלעכער האָבן חכמים געפּסקנט.

אין כעלעמער פּנקס דער פּסק איז פֿאַרקריצט:
א) באַטראַכטן אַ באַרג דאַרף מען קודם פֿון אונטן,
ווײַל זעצן זיך הייבט ער אָן נישט פֿונעם שפּיץ,
טאָ דאַרף מען באַוואָרענען קודם די גרונטן.

ב) דער באַרג זאָל נישט זינקען דאַרף כעלעם די שטאָט
נישט הערן די וועלט און נישט לאָזן זיך נאַרן —
דעם באַרג אונטערגראָבן אָ טראָט נאָך אַ טראָט,
מיט שמות פֿאַרשיטן, מיט סבך אונטערשפּאַרן.

ג) וואָס שייך דעם אויבן — דער וואָך אויפֿן שפּיץ:
אַ טיש מיט אַ בענקל זאָל האָבן דער שומר,
אַ פּעלץ אויף בײַנאַכט, אַ שירעם קעגן היץ,
אַ שטייסל, אַ גראַגער, אַ שופֿר וכדומה.



און כעלעם האָט אַלץ גוט באַקלערט און באַטראַכט:
נאָך מעריב — די ציגן אונטער די וויגן!
ווײַל טועה זײַן קאָן זיך דער שומר בײַ נאַכט —
משיח אין ווײַסן, און ווײַס זענען ציגן.

און פויקן זאָל כעלעם בײַ נאַכט און בײַ טאָג —
נישט אײַנשלאָפן זאָל אויפן באַרגשפּיץ דער היטער,
און פויקן מען זאָל נישט אין כעלעם דער שטאָט,
ווײַל זינקען קאָן ווידער דער באַרג פונעם ציטער.

כּך הוה — און פעסט איז געשטאַנען דער באַרג,
אַ כעלעמער חכם געזעסן איז אויבן
און יומם ולילה געוואַכט און געוואַרט
און אויסגעקוקט האָט ער זיך נעבעך די אויגן.

אַן אַלטע מעשׂה

די באָבעשי דערציילט: — דער עולם האָט געלעבט —
געהאַט האָט מען אַ ברירה?
געווען איז וואָס געווען, סײַ צרות און סײַ פרייד
און סײַ ווי — הייסע טרערן.

געהאַט האָט מען אַ גאָט, אין שול איז מען געגאַן —
געלערנט און געדאַוונט,
אַזוי טאָג-אײַן טאָג-אויס, צווישן מאַרק און קלויז —
געווען איז מען פאַרהאַוועט.

אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, אַ קינד און נאָך אַ קינד —
אַ פולע שטוב מיט פּיקערס,
אין קעשענעס — דער ווינט, קדחת אין די טעפּ,
נאָר יענע וועלט — דער עיקר.

געקומען זענען טעג און כּעלעם האָט געמיינט,
אַז כּלו כּל הקיצין,
איז דאָ אַ גרויסער גאָט און כּעלעם איז זײַן שטאָט —
אַ מכּה אויף די פּריצים.

איין המן קומט און גייט, אַ צווייטער ברעכט דעם קאָפּ,
די מערדער ווערן נעלם,
ס׳אַנטרינען גרויסע שטעט, נאָר כּעלעם לעבט און שטייט,
ווײַל נישט פון שטיין איז כּעלעם.

און נישט פון אײַזן אויך, און נישט פון האַרטן שטאָל —
פון אָדערן און גלידער,
פון בלוט און פלייש און אַש, און ווײַסע ליכט אין שול,
און ציטער פון כּל-נדרי.

אַ דור און נאָך אַ דור — אַ בראָך און נאָך אַ בראָך,
נאָר נישט דער סוף, חלילה.
אויף חורבות צווישן שלענג סע גייט די פּורים-שפּיל,
מע לייענט אין דער מגילה.

און ווידער הייבט מען אָן — אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, —
מען וועבט דעם רויטן פּאָדעם.
דער ווינטער גייט און קומט, סע וועלקט די וועלט און בליט —
מען עפנט די הגדה...

און כּעלעם האָט געזען דעם שׂונאס אונטערגאַנג —
די פּעסט, ביַי אים פאַרבליַיבט עס.
די וויַיבער קויפן פיש און ראַמען צו דאָס האַרץ,
און כּעלעם פּראַוועט שבת.

און אויב נאָך פולער וואָך ווערט פינצטער אויף דער ערד,
לויפט כּעלעם קברים ריַיסן.
ווי נאָר סע שפּראָצט אַרויס אַ לעבעדיקער שטראַל
דערציילט מען זיך אַ מעשׂה:

געוועזן אַמאָל אַ ייִד, געוואַרט — זיך נישט דערוואַרט —
גערעדט אַלץ פון משיחן.
און מיטן לעצטן דערך געזאָגט האָט ער: — משיח —
ער קומען וועט אין גיכן.

איר גלייבט נישט? — איַיער זאַך. טוט אָן אַ שוואַרצע בריל
און קוקט נישט אויף די שטערן.
נאָר כּעלעם האָט געגלייבט, דער עולם האָט געלעבט —
געהאַט האָט מען אַ ברירה?

אינהאַלט

פירוואָרט 5

ווידערגעבורט

* עירובים צעריסענע 7
ווידערגעבורט 9
כ'בין אַ בעל־חוב 10
דער מלאך איז אַלט 13
זאָל ליגן דער שטיין 14
איך דריי נאָך דעם מילשטיין 15
שאול פאַרפאַלגט דודן 16
אַתה האיש 18
כחול הים 22
די גאַס קומט אַהיים 24
באַלאַדע וועגן „מאַנגער־הויז" 26
דער ספר הזכרון 27
ווי אַן אַקס אַ געקוילעטן 28
ווען זעלנער וואַכן 29
אַ גוטע נאַכט 31

גרויער באַגינען

* אין זילבערנער שקיעה 33
מאָל איך אַ לייטער 37
באַלאַדע וועגן מאַליער 38
דרימלען חלומות 40
גרויער באַגינען 41
באַלאַדע וועגן דעם פאַרשפּילטן 42
באַלאַדע וועגן ריטער פון לידערלאַנד 44
באַלאַדע וועגן הונט 45
באַלאַדע וועגן טלית און שיר המעלות 47
צעריסן געמיט 49
מאָל איך אַ שאָטן 50
מאָל איך אַביימעלע 51
דאָס אייזעלע טראַכט 52

אויף דער גרענעץ

* מייַן ברונעם 55
דאָ איז די ערד 59
דער סערפּ שווימט אין הימל 60
זאָגט מייַן טאָכטער חנה־מלכּה 62
פּאַרט אַ בחור 64
אויף דער גרענעץ 65
צווישן לעמבעריק און טשאָפּ 66
שטיינערנע געלעגערס 67
רוישן כוואַליעס, שעפּטשען שטערן 68
איך זיץ אָפּ די טעג נעבן ים 69
רויכן 71
אַ בלעטל געשיכטע 72

בעלמעריש

אַ שטאָט אונטער שטיין 75
אין שפּיגל פון „מיזרח" 77
אין בעלעמער צו להכעיס־שול 79
אַ מעשה מיט אַ קנעפּל 81
מען לייענט נישט 86
אויף קהלס חשבון 89
דער באָבעס ירושה 91
דער אוצר 95
אַ קאַץ אין אַ זאַק 99
וווּ זענען די שליחים? 102
דער גרויסער עצה־געבער 104
דער בעלעמער הויקער 108
די ווילדע פּריצים 113
נישט געווּוינט 115
בעלעם טרינקט לחיים 118
דער נייַער בית־עלמין 121
סע פעלט אַ קלעפּקע 124
די חרוסת־פאַבריק 129
אַ מעשה מיט אַ נאַר 131
דער פּרעסער הגדול 133
דער קאָמפּמענטש 137
דער בעלעמער בעל־עגלה 139
אַ קרייַז אויפן וואַסער 141
עולים און יורדים 143
דער בעלעמער באַרג 147
אַן אַלטע מעשה 152

צייכענונגען צו די לידער פון מחבר
אויף די זײַטן :

11, 19, 35, 57, 83, 93, 97,
105, 111, 125, 135, 145, 149

פון זעלבן מחבר

רו און רויִנען

לידער און באַלאַדן

צייכענונגען — פון מחבר

פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב, 1975

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייַזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פּאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שייַער
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיר רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפץ-טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגעענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1943—1933

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דריַי בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאַם
לידער און פּאָעמעס
צייכענונגען — בען

יעקב י. מיַיטליס / אין גאַנג פון דורות
עסייען

יהודה לייב טעלער / דורך יִדישן געמיט
לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / ביַים קוואַל פון קאָצק
פּאָעמע

שלמה שטאָקפיש / אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלטמלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לייכטן אין תהום
געזאַמלטע דערציילונגען — 1940—1944
צוויי בענד
שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון מאַלער בען

חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם
לידער און באַלאַדן
צייכענונגען — פון מחבר